58) לפי הספר „שנה לאין קץ" מאת משה זנדברג, היו היהודים מגדוד־העבודה ההונגרי לבושים בבגדים אזרחיים ומצבם הכללי היה בכי רע, כבמחנה־ריכוז נאצי. לכן סבורני, כי אולי אלה, שאני ראיתי בקופיצ'ינצה, השתייכו לחטיבה מסוג אחר.

ביבליוגרפיה

אביטוב אברהם יצחק — לקט רשימות ומאמרים, תל־אביב, תש״ל.
אונגר מנשה — מאמר בעתון „טאָג־מאָרגן־זשורנאל״, ניו־יורק, 19 לנובמבר 1967.
אלפסי יצחק — החסידות, הוצאת ספרית־„מעריב״, תל־אביב, 1974.
אנ־סקי ש. — חורבן היהודים בפולין, גליציה ובוקובינה, הוצאת „שטיבל״, תל־אביב, (תרגום מיידיש).
אנציקלופדיה יודאיקה, הוצאת „אשכול״, ברלין, (גרמנית).
באלבן מאיר — יידן אין פוילן, (יהודים בפולין), וילנה, 1930.
באלבן מאיר — לתולדות התנועה הפראנקית, הוצאת „דביר״, תרצ״ד, תל־אביב.
דובנוב ש. — וועלטגעשיכטע פון יידישן פאָלק (דברי ימי עם־עולם), הוצאת אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, בוענוס איירס.
דובנוב ש. — תולדות החסידות, הוצאת „דביר״, תשכ״ז, תל־אביב.
האנציקלופדיה העברית, כללית, יהודית וארצישראלית, הוצאת חברה להוצאת אנציקלופדיות בע״מ, ירושלים—תל־אביב, (מסדה).
הורודצקי ש. א. — החסידות והחסידים, הוצאת „דביר״, תשי״א, תל־אביב.
„הוסיאטין״ יזכור בוך, ניו־יורק, 1968.
היימן איווה — יומן, הוצאת „יד ושם״, 196.
וייכרט מיכאל — ידישע אליינהילף 1939—1945 (עזרה הדדית יהודית בשנות 1939—1945), 1962, ישראל.
זנדברג משה — שנה לאין קץ, הוצאת „יד ושם״, תשכ״ד.
„חורוסטקוב״, ספר זכרון, תל־אביב, 1968.
יעברייסקיה אנציקלופדיה, פטרבורג רוסית).
לבון זליג — קורות־גג, תשל״ד, תל־אביב.
לוין גרשון — אין וועלט־קריג (במלחמת העולם), הוצאת „יהודיה״, ורשה 1923—תרפ״ג.
מאהלר רפאל — תולדות היהודים בפולין, הוצאת הקיבוץ הארצי. 1946.
פרידמן יצחק — אהלי יעקב, ירושלים, תשכ״א.

פרידמן משה — דעת משה, הוצא ע״י אהרון רבינוביץ, ירושלים, 1947.

„צ׳ורטקוב״, ספר זכרון, תשכ״ז, חיפה—תל־אביב.

צינברג ישראל — די געשיכטע פון ליטעראטור ביי ידן (קורות הספרות ליהודים), הוצאת אלוועלטלעכער ידישער קולטור־קאָנגרעס, בואנוס איירס.

שטיין א. ש. — והאש השאירה אפר, תשי״ז, תל־אביב.

שטיינמן אליעזר — כתבי רבי נחמן, הוצאת „כנסת״, תשי״א, תל־אביב.

ארכיון „יד ושם״, ירושלים.

מחלקת „יד ושם״ לגביית עדות, תל־אביב.

Bałaban M. — Dzieje Żydów w Galicji, Lwów, 1916.

Bałaban M. — Żydzi lwowscy na przełomie XVI i XVII wieku, Lwów, 1906.

Janusz i Czołowski — Przeszłość i Zabytki Województwa Tarnopolskiego, 1926.

Schorr M. — Żydzi w Przemyślu, Lwów, 1903.

Słownik geograficzny Królestwa Polskiego i innych krajów słowianskich, Warszawa, 1882 i 1883, (Redakcja: F. Sulimierski, B. Chlebowski, W. Walewski).

Żydowski Instytut Historyczny — Biuletyn Nr. 61, Warszawa, 1967.

אברהם בעקער

צווי קהילות

(הוסיאטין און קאַפּיטשינעץ)

תל־אביב תשל"ז—1977

געדרוקט אין ישראל

אַריינפיר

די באַזע פון דעם חיבור איז „די כראָניק פון חורבן״, וואָס גייט אַריין אין קאַפּיטל פינף. די דאָזיקע איז אָנגעשריבן געוואָרן באַלד נאָכן אָנקומען אין אַ באַהעלטעניש ביי קריסטן אין קאָפּ טטשינצע נאָך דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע־אַקציע פון דאָרטיקן געטאָ (אין דער 2־טער העלפט יולי 1943) און איז דערגענצט געוואָרן מיט טעגלעכע נאָטיצן.

אין דער שטאָט בין איך געווען זינט די סאַמע לעצטע טעג פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט און בעת דער גאַנצער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

די אַלע דאַטעס און פאַקטן זענען אויך ווערפיצירט געוואָרן דורך נאָך דריי מענטשן, מיינע „אחים לצרה״ פון דעם זעלבן בונקער: **פּאַבינאַ** (בינציע) **האהן**, אַ סטודענטקע פון ביאַלאָגיע אויפן לעמבערגער אוניווערסיטעט, געוו. אַקטיווע קאָמוניסטקע, **משה ראַטמאַן**, געוו. רייכער סוחר, אייגנטימער פון אַ גרויס, שיין הויז, וואָס איז דורך דער סאָוויעטישער מאַכט נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, אַן אינטעליגענטער מאַן, סימפּאַטיקער פון דער רעליגיעזער פאַרטיי „אגודת־ישראל״, — די בײדע פון קאָפּיטשינצע, און **ראובן שפּיגעל**, אַ ייִנגער בחור, אַ פאַרטריבענער פון בעסאַראַביע (רומעניע), פון אַ דאָרף אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, נישט ווייט פון זאַלעשטשיק.

אין צענטער פון דער „כראָניק" שטייט, נאָטירלעך, קאַפּיטשינעץ, (ווי מען האָט די שטאָט גערופֿן אויף יידיש), אָבער עס ווערן אויך געבראַכט די וויכטיקסטע געשעענישן אין גאַנצן קרייז, בפרט פֿון הוסיאַטין, אויף וויפֿיל זיי זע־נען צו אונדז דערגאַנגען.

איך האָב אויפֿגעהאַלטן די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון דער אַרבעט אין דער האָפֿענונג, אַז ווען כ׳וועל קומען קיין ישׂ־ראל, וועל איך האָבן די מעגלעכקייט זי צו דערגענצן מיט עדות־דערקלערונגען און געשיכטלעכן מאַטעריאַל.

בנוגע דער געשיכטע פֿון יידישן לעבן אין הוסיאַטין ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך געפֿונען וויכטיקע מקורות, און זיי, ווי ווייט מעגלעך, אויסגענוצט פֿאַר דער דאָזיקער מאָנאָגראַפֿיע. וואָס אַנבאַלאַנגט די גע־שעענישן זינט סוף 1936, ווען איך בין געוואָרן אַ תּושב אין הוסיאַטין, האָב איך זיך באַמיט זיי צו שילדערן אָביעקטיוו, ווי אַ זייט־קער אָבסערוואַטאָר און רעלאַטאָר. נאָר אין איינ־צעלנע פֿאַלן, אין וועלכע בלויז איך אַליין בין געווען דער אַנטיילנעמער אין די האַנדלונגען, האָב איך זיך דערלויבט אויף אַ פּערזענלעכע דיגרעסיע, כּדי אוממיטלבאַר און בו־לטער צו אילוסטרירן די געגעבענע פֿאַקטן.

צום באַדויערן האָב איך וועגן קאַפּיטשינצע זיך געמוזט באַגרענעצן בלויז צו פֿראַגמענטן פֿון איר פֿאַרגאַנגענהייט און צו דער תּקופֿה פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע — קיין אַנדער

מאטעריאל מכוח דעם דאָזיקן ישוב האָב איך לײדער נישט אָנגעטראָפֿן.

דאָקעגן, איז דאָס לעצטע און טראַגישסטע קאַפּיטל אין לעבן פֿון די קאָפּיטשיניצער ײדן איבערגעגעבן געװאָרן אין מײַן טאָג־בוך גענוי, כראָנאָלאָגיש און מעגלעך אויספֿירלעך.

מיטן פּובליקירן די דאָזיקע אַרבעט באַצװעק איך צו צוטראָגן מײַן באַשײדענעם בײַשטײַער צו דער פֿאַראײביקונג פֿון יענער טראַגישער צײַט. אַזױ אַרום װעט אויך באַקומען א תּיקון דער טאָג־בוך, װאָס כ׳האָב דאַמאָלס געשריבן, כּדי איבערצולאָזן אַן אויטענטישע און באַגלײבטע עדותשאַפֿט װעגן דער פֿאַרטיליקונג פֿון אַלטע, אײַנגעזעסענע ײדישע ישובים דורך די נאַצישע בעסטיעס, נישט גלײבנדיק, אַז איך אַלײן װעל זוכה זײַן דעם דאָזיקן צו פֿארעפֿנטלעכן און דערצו אין דער ײדישער מדינה.

דער מחבר

קאַפּיטל איינס

הוסיאַטין זינט די עלטסטע צייטן ביז 1772

הוסיאַטין איז דער בשותפותדיקער נאָמען פון צוויי שטעטישע ישובים, אָפּגעטיילטע איינער פון דעם אַנדערן דורך דעם טייך זברוטש, וואָס איז געווען די נאַטירלעכע און געזעצלעכע גרענעץ צווישן דער אַמאָליקער עסטרייכישער מאָנאַרכיע און דער רוסישער צאַרישער אימפּעריע, און שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צווישן פּוילן און סאָוויעטן־פאַרבאַנד. איין טייל הוסיאַטין האָט געהערט צו גאַליציע, לויט דער פּוילישער אָפיציעלער באַצייכענונג — „מאַלאָפּאָלסקא וסכאָדניאַ" און לפי דער סאָוויעטישער נאָמענקלאַטור — מערב־אוקראַינע, דאַקעגן די צווייטע טייל האָט געהערט צו דער רוסישער פּאָדאָליע און נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (1917) — צו דער מזרח־אוקראַינישער סאָוויעטישער רעפּובליק.

און כאָטש מערב־אוקראַינע איז אונטער דער סאָוויע־טישער אָקופּאַציע (1940) אַנעקטירט און אָפיציעל פאַר־אייניקט געוואָרן אין איין רעפּובליק מיט קיעוו אַלס דער הויפּטשטאָט, איז דאָך דער דערמאָנטער טייך ווייטער, יעדנ־פאַלס ביז צום אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה (1941), פאַרבליבן די שייד־ליניע צווישן די צוויי שוועסטער־שטעט. דאָס אריבערגיין אַן א דערלויבעניש איז

געווען שטראָפּבאַר, ווי דאָס „שוואַרצן״ די גרענעץ פון אַ צווייטער מדינה.

אַדמינסטראַטיוו האָט די פּוילישע הוסיאַטין געהערט צום פּאָוויאַט קאָפּיטשינצע, קרייז טשאָרטקאָוו, וואָיעוואָדזטוואָ טאַרנאָפּאָל.

* * *

הוסיאַטין געהערט צו די שטעט, וואָס האָבן אַ רייכע פאַרגאַנגענהייט. הוסיאַטין איז געווען אורשפּרונגלעך א דאָרף, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף ביידע ברעגעס פון זברוטש און געהערט צו די קעניגלעכע גיטער פון זיג־מונט II אויגוסט, דעם לעצטן יאַגיעללאָנער (1548—1572), אגב, אַ טאָלעראַנטער צו די יידן. אין יאָר 1559 האָט ער דערלויבט, אַז יאַן סוויערשטש פון אָלכאָוויעץ זאָל זיין דאָרף „ווסיאַטהין״ פאַרוואַנדלען אין אַ שטאָט און אים דערטיילט די געהעריקע פּריווילעגיעס ווי אויך דאָס רעכט אויף ירי־דים. א דאַנק דעם האָט די שטאָט זיך שיין אנטוויקלט, אַרויסרופנדיק קנאה פון די שכנותדיקע, וואָס האָבן זיך באַ־מיט מבטל צו מאַכן די דאָזיקע רעכט. דער ענין איז דער־גאַנגען צום קעניג, וועלכער האָט מיטן אורטייל פון 1567 באַשטעטיקט זיין פריערדיקן דעקרעט לטובת הוסיאַטין.

שפּעטער איז הוסיאַטין אַריבער צום אייגנטום פון דער שליאַכטישער פאַמיליע קאָלינאָווסקי.

בעת דער הערשאַפט איבער הוסיאַטין פון מאַרצין קאָ־לינאָווסקי, בראַצלאַווער וואָיעוואָדע און העטמאַן פון די

פויילישע חיילות, האָבן פּאַסירט צוויי טראַגישע געשעענישן פאַר די דאָרטיקע יידן.

מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך פאַר די טרויעריק באַרימטע כמיעלניצקי־פּאָגראָמען אויף יידן (1648), טרעפן מיר שוין אָן אויף אַ קאָזאַקישן אָנפאַל אויף הוסיאַטין.

מחמת אַ סכסוך מיטן דערמאָנטן פּריץ איז דורך זיינע דינער דערשלאָגן געוואָרן צום טויט אָן אוקראַינישער קיר־זשנער פון הוסיאַטין. זיין זון סעמען נאַלעווייקאָ, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַן אָנפירער פון אַ קאָזאַקישער אָפּטיילונג, וועלנדיק זיך נוקם זיין אין דעם מערדער פון זיין פאָטער, איז אין 1594 אַנגעפאַלן אויף הוסיאַטין, פאַרברענט דעם שלאָס, געהרגעט זיינע באַשיצער און געלאָזט די גאַנצע שטאָט אויף רויב [1].

הגם די פאַראַנענע מקורות (געשריבן דורך קריסטן) שטרייכן נישט אונטער די אויסווירקונג פון דעם פּאָגראָם אויף די יידן אין הוסיאַטין, איז אָנצונעמען, לויט דעם כאַ־ראַקטער פון די קאָזאַקישע איבערפאַלן פון אַנדערע צייטן און מקומות, אַז אויך די יידישע תושבים האָבן דאַמאָלס דאַביי אַ סך געליטן.

און אַ לעגענדע דערציילט, אַז ס'זענען שוין געווען יידן אין הוסיאַטין נאָך אין 15־טן יאָרהונדערט. אויף זיכער איז באַוווּסט, אַז אין 1577 איז אין הוסיאַטין געצאָלט גע־וואָרן קאָפּשטייער 5 זלאָטעס [2], אין 1578 האָבן דאָרט געוווינט 4 יידישע משפחות און אין 16־טן יאָרהונדערט איז אַפילו

אויסגעבויט געוואָרן אַ שול [3]. דאָס מיינט, אַז די צאָל יידן איז שוין געווען אַ גרעסערע.

אין די צייטן פון דעם שליאַכטיש־קלעריקאַלן רעזשים אין פוילן אונטער זיגמונט III, ערשטן קעניג פון דער שוועדישער דינאַסטיע וואַזאַ (1588—1632), איז שטאַרק געשטיגן די כוואַליע פון אנטיסעמיטישע העצעס און ס׳האָבן זיך געמערט די פּראָצעסן פאַר ריטועלע מאָרדן [4].

אויך הוסיאַטין האָט געטיילט דעם זעלבן טראַגישן גורל.

פון די לעמבערגער שטעטישע אַקטן (א. ג. קאסטרענ־סיא לעאפּאָליענסיא) פון יאָר 1623 איז צו זען, אַז די אייגנטימערס פון דער שטאָט הוסיאַטין, האלשקא קאַלי־נאָווסקא און איר זון, דער שוין דערמאָנטער מארצין קאַ־לינאָווסקי, האָבן באַשולדיקט די דריי ברידער ניסן, שמואל און מארקאָ, זין פון שלמה פון דונאיגראָד, די פאַכטערס פון זייערע גיטער, אין האָבן געקוילעט קריסטלעכע קינדער׳. זיי האָבן די יידן אַרעסטירט אין דעם הוסיאַטינער שלאָס און געלאָזט משפּטן דורך זייערע אייגענע ריכטער אָפּזאָ־גנדיק קאַטעגאָריש די הייסע בקשה פון די יידן זיי צו שטעלן פאַר אַן אָפיציעלן געריכט אין קאַמענעץ.

דאָ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די קאַלינאָווסקיס האָבן אויסגענוצט צום שלעכטן אַ דעקרעט פון דעם פריער דער־מאָנטן קעניג זיגמונט אויגוסט II פון 1549, לויט וועלכן די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון דער יוריסדיקציע פון

די שטאָטישע, מאַגיסטראַטישע געריכטן, מיינסטנס פיינד־לעכע צו די יידן, און זענען געוואָרן געשטעלט אונטער דער יוריסדיקציע פון די קעניגלעכע וואָיעוואָדעס, ד. ה. אונטערן שוץ פון קעניג אַליין. אָבער די דאָזיקע פּריווילעגיע איז נאָר חל געווען אויף די יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף קע־ניגלעכער ערד. דאַקעגן די אַנדערע, וועלכע האָבן געוווינט אויף שליאַכטישער ערד, זענען געווען אין גאַנצן אונטערן „שוץ" פון די אָרטיקע פּריצים און אויך אונטערגעלעגן זייערע געריכטן [5].

די קרבנות פון דעם באַהאַנדלטן בלוט־בלבול זענען געפּייניקט געוואָרן מיט די שרעקלעכסטע טאָרטורן, מען האָט זיי געברענט מיט שוועבל און פּולווער, געשלאָגן מיט צעגליטע שינעס. לסוף, כאָטש זיי האָבן זיך נישט מודה געווען אין קיין שום שולד, זענען זיי, אָן א געהעריקער געריכטס־פאַרהאַנדלונג, אָן עדות־פאַרהער און אָן א פאַר־טיידיקונג, געוואָרן פאַראורטיילט און דעם זעלבן טאָג פאַר־ברענט אויפן שייטער־הויפן [6].

אין 1645 האָט דער דערמאָנטער קאַלינאָווסקי אויפגע־בויט אויף דער רעכטער זייט פון זברוטש א באַפעסטיקונג, אויך דעם בערנאַרדינער קלויסטער, אויפגעשטעלט מויערן אַרום דער שטאָט און באַפעסטיקט זיין שלאָס.

אין פרילינג פון יאָר 1648 (שנת ת"ח), אין דער צייט פון קעניג וולאַדיסלאַוו IV (1632—1648), אין אַלגעמיין א טאָלעראַנטן צו די יידן, האָט באָגדאַן כמיעלניצקי אַר־

גאַניזירט די „ברידער אוקראַינער" אַנצוהייבן אַ קאַמף פאַרן פראַוואָסלאַוונעם גלויבן, פאַר קאַזאַקישער פרייהייט, קעגן די פּריצים און די יידן. ער האָט אויפגעשטעלט מיליטע־רישע קאָמאַנדעס און געשלאָסן אַ בונד מיטן קרימער כאַן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שיקן אים צו הילף גרויסע מחנות טאַטערן.

אין דעם זעלבן יאָר איז פּלוצעם געשטאָרבן דער קע־ניג וולאַדיסלאַוו IV און אין לאַנד איז אַנטשטאַנען אַ מהומה מחמת דעם „אינטעררעגנום" ביז מען האָט אין א האלב יאָר אַרום אויסגעוויילט אַ צווייטן מלך. דערווייל האָט דאָס פייער פון קאַזאַקישן אויפשטאַנד אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מערבדיקע אוקראַינע, וואָלין און פּאָדאָליע. באַנדעס קאַזאַקן און אוקראַינישע פּויערים האָבן זיך אַ שאָט געטון איבער שטעט און דערפער און מיט משוגענער רציחה געמאָרדעט יידן און פּאָליאַקן [7]. אין מיטן מאַי 1648 האָט די פּאַראַייניקטע אַרמיי פון קאַזאַקן און טאַטערן אין דער שלאַכט ביי קאָר־סון צעקלאַפּט די פּוילישע אַרמייען פון פּאָטאָצקי און קאַ־לינאָווסקי. דער לעצטער, אַ שווער פאַרוווּנדעטער, איז אַריינגעפאַלן איז געפאַנגענשאַפט צו די טאַטערן. זיין שלאָס איז געוואָרן צעפּלינדערט, און די פּאַרטיידיקער אויסגע־הרגט. אויך די יידן אין הוסיאַטין האָבן מסתמא נישט ווייניק געליטן.

אין 1651 האָט הוסיאַטין זיך פּאַרטיידיקט קעגן אַ נייעם קאַזאַקישן אַנגריף און איז 1653 האָט די שטאָט אויס־

געהאַלטן במשך פון עטלעכע וואָכן אַ קאָזאַקיש־טאָטערישע באַלאַגערונג.

אין 1652 איז מארצ־ין קאַלינאָווסקי, צ.זאַמען מיט זיין זון סאמועל, געפאַלן אין דער שלאַכט ביי באַטאָהי..

אין 1655, אין דער צייט פון דער מאָסקווער־פוילישער מלחמה, ווען אויפן רוסישן טראָן איז געזעסן דער צאַר אַלעקסיי מיכאילאָוויטש און אויפן פוילישן — דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש, איז הוסיאַטין העלדיש בייגעשטאַנען דעם שטורעם־אַנגריף פון די מאָסקאָוו טן.

* * *

אין 1672 אין קאַמף מיט די טערקן, וואָס זייער הער־שאפט האָט געגרייכט ביז כאָטין, קוים צוויי מיילן פון קאַ־מינעץ פאָדאָלסקי, האָבן די פאָליאַקן געליטן אַ שטאַרקע מפלה. לויטן בוטשאַטשער שלום־אָפמאַך פון דעם יאָר, האָט פוילן מוותר געווען אויף פאָדאָליע און אוקראַינע לטובת דעם פיינט.

הוסיאַטין איז פאַרנומען געוואָרן דורך די טערקן צו־ערשט אין 1672, דאַן אין 1675 און שפּעטער אין יאָר 1680, (אין די צווישנצייטן אָפּגעשלאָגן דורך די פוילישע חיילות), און איז פאַרבליבן אונטער דער טערקישער הערשאַפט ביז 1699, ווען לפי דעם שלום־אָפמאַך פון קאַרלאָוויץ, איז פאָ־דאָליע אומגעקערט געוואָרן צו פוילן.

בשעת די קאָזאַקיש־טאָטערישע און טערקישע קאַמפן אין דער געגנט, האָט געוויילט אין הוסיאַטין בכבודו ובעצמו

דער פוילישער קעניג װלאַדיסלאַװ IV און שפּעטער זיין ברודער און נאָכפאָלגער יאַן קאַזשימיעזש (1668—1648). ס׳האָט אויך איבערגעלאָזט א רושם דער דורכפאָר פון רוסישן צאַר פּיאָטר I (1725—1682) דורך הוסיאַטין.

די טערקישע ממשלה איז, ווייזט אויס, געווען גינציק צו די יידן אין הוסיאַטין, ווייל צו יענער צייט איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן די זעלטענע און באַרימטע שול, גע־בויט אין דער פאָרעם פון א פעסטונג, ענלעך צו די פון לוצק, טאַרנאָפּאָל, לובאָמיל, שאַראַגראַד, בראָדי, לעשנאָוו, זשולקעוו וכדומה, אָבער דאָך אנדערש פון זיי, וואָרעם זי פאַרמאָגט אָריענטאַלישע עלעמענטן, וועלכע מיר באַגעגע־נען נישט אין אַנדערע שולן אין פוילן.

וועגן אַנטשטייונג פון דער שול איז אַנגעגאַנגען א העפטיקער שטרייט. פּראָפ. באַלאַבאַן האָט באַהויפּטעט, אַז די שול איז נישט איבערגעבויט געוואָרן פון „אַ קרעטשמע אָדער פון א גוט־הויף" (בית־עלמין), ווי עס האָט באַשול־דיקט דער קאָמענעצער ביסקופּ, נאָר זי איז דירעקט געבויט געוואָרן ווי א בית־התפילה. דער ביסקופּ פון קאָמענעץ פּאָ־דאָלסקי, שעראַקאָווסקי, האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן היסטאָרישן אמת. ווען ער איז, אָנפאַנג 18־טן יאָרהונדערט געקומען קיין הוסיאַטין, האָט ער פאַרפירט א פּראָצעס קעגן דער דאָרטיקער קהילה, געלאָזט פאַרחתמענען די שול, פּו־נאַנדערנעמען די מויער אַרום דעם בית־הקברות און אַרויפ־



די אלטע „פעסטונג״־שול אין הוסיאטין. פאָטאָגראַפירט: אלטער קאַציזנע *

בית־הכנסת „מבצר״ העתיק בהוסיאטין. צילם אלתר קציזנה

* באַדייטנדיקער ייִדישער שרייבער אין וואַרשע, זיך באַשעפטיקט אויך מיט קונסט־פאָטאָגראַפיע. דערמאָרדעט דורך אַן אוקראַיניש־נאַציאָנאַלן פּאַליציאַנט אין טאַרנאָפּאָל.

געלייגט אַ שטראָף פון טויזנט דוקאַטן אויף דער יידישער עדה [9].

אָבער דאָס מאָל האָבן די הוסיאַטינער יידן גע־האַט מזל, ווייל זיי האָבן זיך שוין געפונען אונטערן שוץ פון דער פאַמיליע פאָטאָצקי. די טאָכטער פון קאַלינאָווסקי, די לעצטע פון דער משפחה, איז געווען קינדערלאָז און פאַרן טויט איבערגעלאָזט בירושה איר גאַנץ פאַרמעגן דעם קרוב סטאַניסלאַוו פאָטאָצקי, בעלזער וואָיעוואָדע. אַזוי אַרום זע־נען איבערגעגאַנגען די גרויסע גיטער פון די קאַלינאָווסקיס צו דער נישט־וויניקער רייכער שליאַכטישער פאַמיליע פון פאָטאָצקי, (1729) [10].

דער דאַמאָלסדיקער מושל פון הוסיאַטין, דער פאָדאָליער וואָיעוואָדע גראַף מיכאל פאָטאָצקי, האָט זיך אָנגענומען פאַר זיינע יידן קעגן די שיקאַנעס פון דעם פאָדאָליער ביסקופּ. ער האָט באַפוילן תיכף צו עפענען די שול און באַפרייט די יידן פון דער געלט־שטראָף. עס איז אויסגעבראָכן א סיכסוך און אַ בריוו־אויסטויש צווישן דעם גראַף און דעם ביסקופּ. דער קאָנפליקט האָט אָנגעשפּאַרט אַזש ביז צום לובלינער טריבו־נאַל (1741). פאָטאָצקי האָט פאַרשפּילט דעם פּראָצעס, אָבער די יידן זענען פאַקטיש געבליבן ביי זייער שול, וואָרעם שע־ראַקאָווסקי האָט אין צווישנצייט איבערגענומען די בישאָף־שטעלע אין פּשעמישל [11].

אגב, אויך די דאָרטיקע יידן האָבן געהאַט פון אים צו ליידן, ווייל ער האָט אַרויסגעגעבן צאָלרייכע דעקרעטן מיט באַגרע־

נעצונגען פאַר זיי [12].

* * *

נאָך דעם ווי פּאָדאָליע איז אומגעקערט געוואָרן צום פּוילישן קעניגרייך, האָבן אַ סך יידן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זייערע ווינערטער אין רויט־רייסן (Ruś Czerwona) גאַליציע) און זיך באַזעצט אין פּאָדאָליע, ווייל ס'איז דאָרט געווען לייכטער צו פאַרדינען פּרנסה, ווי אין די שטעט מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג.

דער ועד־המדינה פון לעמבערג (לוואָוו) האָט זיך באַקלאָגט פאַרן קעניג, אַז מחמת דער פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם שטח, קען ער נישט באַצאָלן דעם קאָפּשטייער. דער קעניג אויגוסט דער צווייטער האָט אַרויסגעגעבן דעם 29־טן נאָוועמבער 1703 אַ באַפעל איינצושליסן די פּאָדאָל׳ער יידן אין דער שטייער־רשימה פון די יידן אין רייסן. אָבער אין 1713 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ צווייטן באַפעל צו געבן די פּאָדאָליער יידן די זעלבע רעכט, וואָס אין רייסן, און זיי מאַכן אומאָפּהענגיק פון דער אָנפירערשאַפט פון לעמבערג אויך אויפן געביט פון צאָלן דעם קאָפּשטייער. אין 1717 האָבן די יידן פון רייסן באַצאָלט קאָפּשטייער 33857 זלאָטעס און די יידן פון פּאָדאָליע — 8000, וואָס באַווייזט, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין דער לעצטער מדינה (פּראָווינץ) האָט באַטראָפן כמעט אַ פערטל פון דער אין רייסן [13].

ס'איז נישט באַקאַנט, די דאַמאָלסדיקע צאָל יידישע איינ־

וווינער אין הוסיאַטין, דאָקעגן איז באַוווסט, אַז אין 1721 איז באַצאָלט געוואָרן דורך די יידן אין הוסיאַטין קאָפּשטייער — 856 זלאָטעס.

נאָך אין 1549 איז דער דאָזיקער שטייער אָרויפגעלייגט געוואָרן דורך דעם קעניג זיגמונט II אויגוסט[14] אויף אַלע יידן (אויך אויף די טאַטערן און ציגיינער) אָן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער אין סכום פון איין זלאָטי. די באַגרינ־דונג איז געווען: די יידן דינען נישט אין מיליטער, איז זייער פליכט בייצושטייערן צו די גרויסע מלחמה־הוצאות, זיי נע־מען צו די פּרנסות פון די קריסטן, זאָלן זיי טראָגן די לאַסט פון אַן אָפּצאָל לטובת דעם מלוכה־אוצר. ס'איז נאָך בפירוש געזאָגט געוואָרן, אַז דער קאָפּשטייער באַפרייט נישט פון צאָלן די אַנדערע שטייערן, ווי פון פאַרמעגן און איינקונפטן.

פון קאָפּשטייער זענען געווען באַפרייט נאָר די אָרעמע־לייט און קינדער ביז 1 לעבנס־יאָר. צו ערשט איז דער דאָ־זיקער שטייער נישט געווען אָבליגאַטאָריש פאַר די יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף פּריצישער ערד, אָבער אין 1552 האָט דער סיים באַשלאָסן אויפצומאָנען דעם שטייער אויך פון די דאָ־זיקע יידן.

אין אָנפאַנג פלעגט מען מאַכן ציילונגען יעדעס יאָר, כדי פעסטצושטעלן דעם סכום פון קאָפּשטייער, אָבער פון 1579 איז באַשטימט געוואָרן אַ גלאָבאַלע סומע און דער ועד ארבע־ארצות, וואָס איז דעמאָלט אנטשטאַנען, האָט דעם סכום גע־טיילט אויף די מדינות, ווי רייסן, פּאָדאָליע א״א. די מדינות

— אויף די פראָווינצן, די פראָווינצן פון זייער זייט אויף די קהילות און די לעצטע אויף די יחידים.

אין יאָר 1765 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ צענז פון די יידן בשייכות מיט דעם קאָפּשטייער, וואָס מען האָט ווידער געדאַרפט צאָלן לויט דעם סכום נפשות אין יעדער קהילה און נישט ווי פריער, אַן אַלגעמיינע קוואָטע. דעמאָלט איז פאַר־צייכנט געוואָרן פאַר דער שטאָט הוסיאַטין אַליין — 1144 נפשות איבער 1 יאָר, און 64 זויג־קינדער ביז 1 יאָר, בסך־הכל 1208 [15], און מיט דער אומגעגנט — 1435 יידן.

צו יענער צייט זענען געווען אין הוסיאַטין 160 הייזער אין יידישן באַזיץ, דערונטער 45 אויפן רינעק־פּלאַץ אַליין.

* * *

אין דער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דער פראַנק־באַוועגונג, וואָס האָט באַווירקט כמעט גאַנץ פּאָדאָליע און דרום־גאַליציע, האָבן זיך געפונען אַ סך פון זיינע אָנהענגער אין הוסיאַטין און אין דער שכנותדיקער קאָ־פּיטשינצע.

אין 1755 ווען פראַנק איז צוריקגעקומען פון טערקיי קיין פוילן, האָט ער זיך קורץ אָפּגעשטעלט אין קאָפּיטשינעץ. פון דאָנען שטאַמט אויך חיים בן משה, וואָס האָט באַגלייט פראַנקן אויף אַלע זיינע וועגן און אומוואַנדלונגען [16]. ער האָט פיגורירט אויף דער ליסטע פון די פאַרבעטענע צום צו־זאַמענפאַר פון דעם 20־טן יוני 1757 אין קאַמינעץ. דער דאָ־זיקער איז זיך צענויפגעקומען אויף דער פאָדערונג פונעם

דאָרטיקן ביסקופּ דעמבאָווסקי, דעם גרויסן שונא־ישראל, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ ויכוח פון די ראשי הקהילות און רבנים מיט די סעקטאַנטן, ד. ה. אָנהענגער פון שבתאי צבי און יעקב פראַנק.

אַלס פאַרשטייער פון הוסיאַטין איז איינגעלאַדן געוואָרן הרב ר' יהושוע בר' מרדכי, וועלכער האָט זיך, אַזוי ווי די אַנ־דערע, אויף דער עצה פון ועד ארבע ארצות, נישט צוגעשטעלט. דער ביסקופּ האָט אָבער נישט רעזיגנערט פון זיין פּלאַן און צום צווייטן מאָל זיי אויפגעפאָדערט צו קומען. אין דער נייער רשימה האָט ער באַשטימט פון הוסיאַטין דעם ר' משה בר' שלמה, וואָס האָט דאָך נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער דיסקוסיע.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם זייער לאַנגן און פּיינלעכן ויכוח, בעת וועלכן די טראַדיציאָנעלע יידן האָבן געדאַרפט אָפּוואַרפן די פאַלשע באַהויפּטונגען און פאַרקריפּ־לונגען פון די אָפּטריניקע, פראַטעזשירטע דורך דעם בישאָף מיט זיינע מיטהעלפער. דער פּסק־דין, אַרויסגעטראָגן דורך דעם רעאַקציאָנערן גייסטלעכן, איז געווען דער פאַלגנדיקער: די שולדיקע אין אָנפאַל אויף די סעקטאַנטן (אין לאַנצקאָראָן) זענען באַשטראָפט געוואָרן מיט שמיץ, די דאָרטיקע קהילה — מיט אַ קנס פון 5000 גילדן לטובת די „געליטענע"; אויף די פראַנקיסטן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צענויפ־צוזאַמלען פון גאַנץ פּאָדאָליע אַלע ספרים פון „תלמוד" און זיי עפנטלעך פאַרברענען [17].

קאַפּיטל צוויי

הוסיאַטין אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט
(1918—1772)

ביז צו דער ערשטער צעטיילונג פון פוילן (1772)[18], האָט הוסיאַטין אַדמיניסטראַטיוו געהערט צום קרייז טשאָרנאָ־גרודעק, און צו דער יוריסדיקציע פון קאַמינעץ פּאָדאָלסקי, די קהילה איז געווען אָנגעשלאָסן אין ועד המדינה שבפּודוליה.

מיט דער צעטיילונג פון פוילן איז אויך הוסיאַטין צעטיילט געוואָרן אויף צוויי חלקים. דאָס „שטעטל" (ווי מ'האָט עס גערופן), אויף דעם לינקן ברעג פון טייך זברוטש איז אַנעקטירט געוואָרן צו דער רוסישער אימפּעריע, דאָקעגן די שטאָט אויפן רעכטן ברעג האָט געהערט, אַזוי ווי גאַנץ גאַליציע, צו עסטרייך און איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער האַנדלס־צענטער צווישן גאַליציע און פּאָ־דאָליע; אַפילו פון דער שכנותדיקער טערקיי און הויפּטזעכ־לעך פון סאַלאָניקי פלעגן יידן קומען אַהער אויף די ירידים[19].

אַרום יאָר 1870 איז אין הוסיאַטין אויסגעבראָכן אַ מגפה פון דער חלירע־קראַנקייט און פיל יידן צוזאַמען מיטן רבין ר' מאָטעלע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין כאָראָסטקאָוו, וווּ די מגפה האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלאָשן. דער רבי האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן עטלעכע וואָכן אין דעם גרויסן הויז פון זיין רייכסטן חסיד מיטן נאָמען קלאָר און געפירט „טיש" מיט

אַ ברייטער האַנט, אויפנעמענדיק חסידים און פאַרערער פון אַלע זייטן [20].

אין 1872 איז הוסיאַטין געווען, ווי שוין דערמאַנט, אַ וויכטיקער האַנדלס־פונקט אויפן שליאַך פון דער גאַליצישער פאָדאָליע קיין רוסלאַנד, אָבער נאָכן עפענען די באַן פון טאַר־נאָפּאָל קיין פּאָדוואָלאָטשיסק (אויך אַ גרענעץ־שטאָט מיט רוסלאַנד), האָט הוסיאַטין אָנגעוווירן איר באַדייטונג. ערשט אין 1882, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די בוי פון דער באַן־ליניע, וואָס האָט פאַרבונדן הוסיאַטין מיט סטאַניסלאַוו, האָט דאָרט ווידער אויפגעלעבט דער האַנדל.

אין יענעם יאָר איז געווען אין הוסיאַטין אויף דער אַל־געמיינער צאָל באַפעלקערונג 5514 (736 רוימיש־קאַטוילישע, פּאָליאַקן, 698 גריכיש־קאַט, אוקראַינער) — 3780 יידן [21].

לויט די פאַראַנענע סטאַטיסטישע דאַטעס, איז אין יאָר 1900 אויף דער אַלגעמיינער צאָל 5373 איינוווינער אין הו־סיאַטין געווען יידן — 3648.

אין יאָר 1921 — (נאָך דער מלחמה און חורבן!) אויף 2104 תושבים בכלל — נאָר 368 יידן, אָבער אין גאַנצן קרייז דאָרונטער אויך קאָפּיטשינצע, איז דאַמאָלס געווען 7738 יידן אויף 8599 איינוווינער בכלל.

דאַקעגן אין דער רוסישער הוסיאַטין איז אין 1847 געווען 229 יידן, אין 1897 — 1153 אויף 2831 תושבים בכלל, און אין 1923 — 546 יידן [22].

* * *

דער באַקאַנטער שרייבער און דראַמאַטורג ש. אנ־סקי[23], וואָס האָט אלס פארשטייער פון הילפס־קאָמיטעט באזוכט געגנטן פון גאליציע, אָקופּירטע דורך די רוסן, דערציילט:

בשעת זיין באַזוך אין יאר 1915 אין כאַראַסטקאָוו האָט ער זיך געטראָפן מיט צוויי פּראָמינענטע יידן, פליטים פון הוסיאַטין, הרב פרענקעל און ר׳ ליפּא שוואגער. זיי האָבן געהאט דאָרט א גרויסע בוכהאַנדלונג און די רייכסטע אין גאַליציע קאָלעקציע פון אלטע, זעלטענע ספרים, מאנוסקריפּטן און „יקר־המצי־אותן". אין דער צייט פון פּאַגראַם און שרפה, בעת דעם אריינמארש פון די רוסן, איז אלץ אוועק מיטן רויך. גאָר ווייניק איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אַ קליינעם טייל פון דעם איבערבלייב האָט אנ־סקי מיטגענומען קיין פּעטערבורג פאַר אַ דאָרטיקן מוזעאום.

אין קאָפּיטשינעץ האָבן זיך דאמאָלס אויפגעהאלטן זייער א סך פליטים פון הוסיאַטין. די צעשטערונג פון דער דאָזיקער שטאָט האָט נישט געהאט קיין גלייכן אין גאנץ גאַליציע.

די עסטרייכישע הוסיאַטין — שרייבט ווייטער אנ־סקי — מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ 1000 משפחות, איז געווען אַ רייכע, בליענדיקע מסחר־שטאָט מיט שיינע הייזער, עלעקטרישער באַלייכטונג און גוטער קאַנאַליזאַציע. עס זענען דאָרט געווען טעטיק 11 בענק, א נעץ פון קולטור־אינסטיטוציעס, עלעמענטאַרע און אַ מיטל־שול.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, דעם 7־טן אויגוסט 1914, זענען די עסטרייכער אַריבער די גרענעץ און פאַרנומען

די רוסישע הוסיאַטין. דעם צווייטן טאָג, נאָכן קאַמף ביי האָ־ראַדאָק, אַ 15 וויאָרסט פון הוסיאַטין, האָבן זיי זיך צוריק־געצויגן, און דעם 9־טן אויגוסט זענען די רוסן אַריין אין עסטרייכישער הוסיאַטין און געמאַכט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם. עס זענען געווען עטלעכע טויטע. די פּויערים האָבן ראַבירט די יידישע געשעפטן. מען האָט אַלץ אונטערגעצונדן. פון 700 הייזער זענען געבליבן גאַנץ בלויז 29.

די רייכערע יידן, קרוב צו 400 משפחות, זענען באַצייטנס אַוועק קיין עסטרייך, הויפּטזעכלעך ווין, די איבערגעבליבענע 600 זענען אַנטלאָפן אין די דערבייאיקע דערפער און וועל־דער און די שכנותדיקע שטעט, דערונטער אַ 120 פאַ־מיליעס קיין טשאָרטקאָוו, אָבער דער רוב קיין קאָפּיטשינצע.

ווען די יידן האָבן זיך ביסלעכווייז אומגעקערט אין זייערע חרובע היימען, האָט זיי זייער אַ סך געהאָלפן דער ראַטמייס־טער פון דער זשאַנדערמעריע פון דער רוסישער הוסיאַטין, יעווועצקי, ער האָט געמאַכט רעוויזיעס ביי די גויים, אָפּגע־נומען די צוגערויבטע זאַכן, זיי אומגעקערט די יידן און באַ־שטראָפט די שולדיקע מיט תפיסה. יעווועצקי האָט אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט געזאַמלט געלט אויך פון די קריסטלעכע גוט־באַזיצער און באַקומען שטיצע פון דעם הילפס־קאָמיטעט אין פּעטערבורג, קיעוו און אַנדערע אינ־סטיטוציעס.

ווען די הוסיאַטינער פּליטים זענען געוווּיר געוואָרן וועגן דער הילפס־אַקציע, האָבן זיי זיך כמעט אַלע אַ לאָז געגעבן

צוריק אין זייער היים־שטאָט. היות די הייזער זענען געווען צעשטערט, האָבן זיי זיך באַזעצט אין די קעלערס און אַ ביסל אויפגעריכט די חורבות. אָבער מחמת דער גרויסער ענגשאַפט איז אויסגעבראָכן אַ מגפה פון טיפוס און אַנדערע קרענק. אָנ־פאנג אפריל 1915 איז פארווערט געוואָרן דער קאָנטאקט און באַוועגונג צווישן ביידע שוועסטער־שטעט הוסיאַטין און עס האָט זיך אָפגעשטעלט די ה לפס־אַקציע לטובת די איינוווינער פון דער חרובער עסטרייכישער שטאָט. דערצו איז נישט לאַנג נאָך דעם, דעם 13־טן יוני אַרויס אַ באַפעל, אַז ביז 24 שעה מוזן אַלע יידן פון דער עסטרייכישער הוסיאַטין, מער ווי 1500 נפשות, פארלאָזן די שטאָט. א סך פון זיי זענען אָנגעקומען קיין טשאָרטקאָוו, וווּ מען האָט זיי זייער ווארעם אויפגענומען, אבער דער רוב — קיין קאָפּיטשינעץ. טראָץ דער הילף פון די קאָמיטעטן, האָבן זיי דאָ געליטן הונגער און נויט.

אין דער צייט איז הוסיאטין געוואָרן נאָך מער צעשטערט און די בידנע פארבליבענע זאכן — צעראַבעוועט. אין די מער־ווייניקער אויפגעריכטעטע הייזער זענען אריין קריס־טן.

אָנפאָנג 1916 האָט זיך פאַרשפרייט א ידיעה, וואָס איז אָפיציעל נישט באַשטעטיקט געוואָרן, אַז די אַרויסגעטריבענע יידן מעגן זיך צוריקקערן קיין הוסיאַטין. עס האָבן נאָך נישט באוויזן דאָס אויסצופירן עטלעכע צענדליק משפחות און ס'איז ווידער באַנייט געוואָרן דער פאַרבאָט. אָבער נישט געקוקט דערויף, זענען אַהין אַרויסגעגאַנגען איינציקווייז און אין גע־

היים אַ 100 פֿאַמיליעס. נאָך אַ מאָל מוזן זיי זיך ווי ס׳איז נישט איינאָרדענען אין די פּוסטע קעלערס און אויסשטיין גרויסע צרות פֿון די קריסטן, וואָס האָבן דערווייל פֿארכאַפּט דעם גאַנצן מסחר און זיך אָקעגנגעשטעלט דער באַזעצונג אויף ס׳ניי פֿון די יידישע פּליטים. אָבער טראָץ די אַלע שטע־רונגען — פּירט אויס אַנ־סקי — גרייטן זיך נאָך 250 משפּחות (אַ 1000 מענטשן) צוריקצוקערן אין זייערע חרובע היימען. ביסלעכווייז פֿאַרגרעסערט זיך דער ישוב. אָבער דאַן איז גע־קומען אַ נייע, נאָך ערגערע גזירה:

שוין אין אָנפֿאַנג פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס קעגן עסט־רייך־דייטשלאַנד, האָבן דער הויפּטקאָמאַנדיר פֿון דער רוסי־שער אַרמיי, דער גרויספֿירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און זיין שטאַב־שעף, דער באַקאַנטער יידנפֿיינטלעכער גענעראַל יאַנושקעוויטש, אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די קאָמענדאַנטן פֿון די באַזונדערע אַרמייען באַקומען דאָס רעכט אַרויסצוזעצן אַלע יידן פֿון יענע ערטער, וואָס ליגן נאָענט צום פֿראָנט־שטח [24].

נאָך אַ שווערער מפּלה, געצוווּנגען זיך צוריקצוציען פֿון גאַליציע, האָט דער הויפּט־קאָמענדאַנט פֿון די רוסישע חיילות, וואָס האָט, אגב, זיך אַ צייט אויפֿגעהאַלטן אין קאַפּיטשינעץ, דער גרויספֿירשט מיכאיל אַלעקסאַנדראָוויטש, דער ברודער פֿון צאַר ניקאָלאַי דעם 2־טן, אויפֿן סמך פֿון דעם באַשלוס, אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו דעפּאָרטירן אַלע יידן פֿון די גרע־נעץ־געביטן קיין סיביר.

די הוסיאטינער יידן, די אַזוי שווער געפּרוווטע און געלי־טענע, זענען געוואָרן נאָך אַ מאָל אַרויסגעריסן אַפילו פון זייע־רע חורבות און געטריבן אין שוידערלעכע באַדינגונגען ביז ליפּאָוויץ, קיעווער גובערניע.

נאָך דעם דאָזיקן גירוש איז די שטאָט הוסיאַטין שוין געגנצלעך חרוב געוואָרן. ערשט ווען די הויפּט־אָנפירונג פון דער אַרמיי האָט איבערגענומען דער עטוואָס מער ליבעראַ־לער גענעראַל בּראַסילאָוו, זענען די אומגליקלעכע, אויף דער ענערגישער אינטערווענץ פון איינפלוסרייכע קרייזן, באַפרייט געוואָרן [25].

אין דעם זעלבן יאָר 1916 האָבן די רוסישע מאַכט־אָרגאַ־נען אָנגעהויבן צוריק צו שיקן דעפּאָרטירע גאַליציַשע יידן. אָבער די הוסיאַטינער פאַרוואָגלטע זענען נישט געוואָרן אומ־געקערט דירעקט אין זייער היים־שטאָט, נאָר קיין סקאַלאַט.

די צאָל פון די דאָזיקע רעפּאַטריאירטע הוסיאַטינער צו־זאַמען מיט די פּאָדוואָלאָטשיסקער האָט באַטראָפן בערך 4000. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן מצב. די אַליין אָרע־מע קהילה אין סקאַלאַט האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, כדי צו פאַרשאַפן אַ דאַך איבערן קאָפּ די היימלאָזע. מען האָט אַריינגעזעצט צו 5—4 משפחות אין איין צימער, דאַביי זענען אויסגענוצט געוואָרן אַלע בתי־מדרשים, מאַגאַזינען און אַפילו שטאַלן [26].

* * *

דער באַקאַנטער מעדיקער און שרייבער, ד״ר גרשון

לעווין, וואָס באַציט זיך צו זיין רייזע אין סאַניטאַרן דינסט ביים רוסישן מיליטער, ווידמעט הוסיאַטין אַ באַזונדער קאַפּיטל א. נ. „די טויטע שטאָט".

ער איז אַהין אָנגעקומען דעם 3־טן אַפּריל 1916 צום שטאַב פון דער זיבעטער ארמיי, וואָס האָט דאָרט סטאַציאָנירט, כדי צו באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן דעם שפּיטאָל, צו וועלכן ער איז צוגעטיילט געוואָרן. ער שרייבט צ.א.:

„קיין שום שטאָדט איז שוין נישטאָ, ס'זענען נאָר געבליבען חורבות, פון וועלכע מען האָט דאָך געקענט אַרויסזעהן, אז ס'האָט דאָרט אַמאָהל געשלאָגען א גאַנץ רירעוודיק לעבן...

פון דער גאַנצער אמאָליגער שטאָדט זענען געבליבען נאָר חורבות אָהן דעכער, אָהן פענסטער, אָהן פּוסבאָדען... נאָר שטיקלעך ווענד, דאָס הייסט, נאָר די זאַכען, וואָס איז שוין געווען אונמעגליך אָוועקצוגנבענען, אפילו די לאָמטערנעס אויף די גאַסען זענען געווען האַלב פאַרברענט, האַלב פערניכטעט.

אפילו נאָך אַנ'ערד־ציטערניש וואָלטען אודאי געבליבען מעהר צייכענס אז דאָרט האָבען געוואָהנט מענשען.

די איין און איינציגע געביידע, וואָס איז נישט חרוב געוואָרען, איז געווען די קאַטוילישע קירכע.

איך בין געגאַנגען אויטאָמאַטיש, איינער אליין, פון איין גאַס אויף די אנדערע און האָב נישט בעגעגענט קיין

לעבעדיגע נשמה. ס'האָט זיך נישט באַוויזן אפילו קיין קאַץ, קיין הונד, כ'האָב נישט בעמערקט אפילו קיין פויגעל־נעסט. עפּעס א טויט פערשאָלטען ווינקעל.

אָט זעה איך א גרויסע חורבה מיט גאַנץ הויכע ווענד. פון פאָרענט איז געבליבען א שטיקעל מגן־דוד פון ציגעל. איך געה אריין.

ס'איז אודאי א געוועזענע שוהל. אויף דער מזרח־וואַנד זעהט מען נאָך א פּירקאַנטיגען סלעק, דאָרט איז אודאי געשטאַנען דער ארון־קודש. איך קוק מיך אום און ס'ווערט מיר אזש קאַלט פון עמפּערונג: מען האָט פון דעם אָרט געמאַכט א קלאָזעט.

ארום דער שוהל האָבען געמוזט זיין בתי מדרשים, ס'זענען נאָך געבליבען עטליכע העברעישע אויפשריפטען, אָבער אַלץ פערוויסט און פאַראומרייניגט.

כ'מוז מיך מודה זיין, אז ערשט דעמאָלט און דאָרט האָב איך פערשטאַנען דעם „חורבן ירושלים"... וואָס די רוימער האָבען געמאַכט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק"... [27]

אזוי איז ד"ר לעווין ארומגעגאַנגען צווישען די חורבות עטלעכע שעה ביז ער איז צוגעקומען צו דער בריק אויפן זברוטש. ערשט אויף דער רוסישער זייט האָט ער געזען הייזער געדעקטע מיט גרינע דעכער און צערקוועס. אָבער אויך דאָרט האָט ער באַמערקט עטלעכע חורבות. דאָס האָבן די קאָזאַקן מיט א יאָר צוריק, ריכטנדיק זיך אויף א רוסישן ריקצוג פון דעם שטעטל, קודם כל אונטערגעצונדן יידישע

הייזער און אלץ צעראבעוועט.

אוף דעם אָרט גיט דער שרייבער אויך איבער א שמועס מיט אן אָנגעטראָפּענעם, עלטערן יידישן בעטלער, אן אינוואליד, וואָס ברענגט נאָך פּרטים וועגן די געשילדערטע געשעענישן:

„אין דעם זעלבען טאָג, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען זיך די קאָזאקען אריינגעריסן אין עסטרייכישען הוסיאַטין... אוטערגעצונדען די שטאָדט פון אלע פיער זייטען, די איינוואָהנער האָבען זיי געהרגעט, בעגנבט, בעגזלט, פרויען און מיידלעך... געשענדעט, די קברים אפילו אויפן בית־הקברות האָט מען אויסגעגראָבען, מען האָט דאָרט געלט געזוכט... אפילו נישט געשוינט דעם קבר פונם הייליגען צדיק, דעם הוסיאטינער רבין ז״ל".

מיט א צעבראָכן געמיט איז דער שרייבער און מעדיקער לעווין אָפּגעפאָרן קיין קאָפּיטשינעץ, ווו עס האָט זיך געפונען דער גרויסער מיליטערישער שפּיטאָל, פאר וועלכען ער איז באשטימט געוואָרן אויף ארבעט.

* * *

הוסיאַטין, די גרענעץ־שטאָט, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אַלס טראַנזיט־פּונקט און מקום־מקלט פאַר טויזנטער יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד אין פאַרשידענע צייטן: פון די צאַר׳שע פּאָגראָמען בעת אַלעקסאַנדער דעם דריטן אין די יארן 1881—1882, נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה (1904/5) און אין די יאָרן פון 1917 ביז 1923 ד. ה.

זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ביז ס׳איז ענדגילטיק דורך אַן אָפּמאַך פעסטגעשטעלט און הערמעטיש אָפּגעשלאָסן גע־וואָרן די גרענעץ צווישן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און פּוילן.

אויך אַ סך נישט יידן, רעוואָלוציאָנערן און אַנטלאָפענע פון סיביר זענען דורך דעם גרענעץ־פּונקט אַריבער קיין עסט־רייך, דאַקעגן פון עסטרייך איז געגאַנגען אַ שמוגל פון אומגלעגאַלער ליטעראַטור, פּרעסע, פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל אד״גל קיין רוסלאַנד.

די פאַרמלחמהדיקע הוסיאַטין האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען איר באַרימטקייט, מאַטעריעלן ווױלזיין און גייסטיקע חשיבות אויך דעם פאַקט, וואָס דאָרט האָט זיך באַזעצט אין 1861 דער הרב הצדיק ר׳ מרדכי (מאָטעלע) שרגא, פייוויש פריד־מאַן, ר׳ ישראל, דעם ריזשינערס [28] זון און נאָך אים, אין 1894 זיין זון ר׳ ישראל פרידמאַן [29]. זיי האָבן געפירט די הויפן אויף דעם מלכות ריזשינישן שטייגער, אויסשפּרייטנדיק זייער השפעה נישט נאָר אויף צענדליקער טויזנטער חסידים פון עסטרייך און פון רוסלאַנד, נייערט אויך אויף די שכנותדיקע קריסטלעכע גוטבאַזיצערס. גאַנץ באַזונדער האָבן זיי אָנגע־האַלטן פריינדלעכע באַציונגען מיט דעם איי־גנטימער פון די גיטער אין הוסיאַטין און אומגעגנט, הראַביאַ אַדאַם גאָלו־כאָווסקי.

די אַדמיניסטראַטיווע באַהערדן האָבן זיך שטאַרק גע־רעכנט מיטן הוסיאַטינער רבינס הויף, הויפּטזעכלעך, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַקומען די אונטערשטיצונג פון

די יידן פאַר דעם רעגירונגס־קאַנדידאַט צו די פּאַרלאַמענט — אָדער מוניציפּאַלע־וואַלן.

אין קעגנזאַץ צו אַ סך אַנדערע רביים האָבן זיך די הוסיאַטינער געפירט מעשה שררה. דעם שוין רואינירטן היסטאָרישן שלאָס, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון די קאַלינאָווסקיס, פּאָטאָצקיס, ווערעשצינסקיס צו די גאָלוכאָווסקיס, האָט דער הוסיאַטינער רבי אָפּגעקויפט און אויפגעשטעלט דאָרטן זיין רעזידענץ [30]. דער בנין פון קלויז האָט געהערט צו די פּרעכטיקסטע אין דער גאַנצער געגנט. דער גרויסער הויף האָט אַרומגענומען אַ סך שיינע הייזער מיט גוט געפּלעגטע גערטנער, מיט רחבותדיקע, סטיל־אַרטיקע סאַלאָנען. דער רבי פלעגט פאָרן אין אַן אייגענעם, גרויסן, עלעגאַנטן פיאַקער, געשפּאַנט מיט פיר שיינע, ראַסאָווע פערד, אָנגעטריבן דורך אַ פורמאַן אין אַ ספּעציעלן מונדיר.

פון דעם רבישן הויף האָבן געצויגן חיונה צענדליקער משפּחות, גבאים, חזנים, שמשים משרתים, אייגנטימער פון האָטעלן און פּענסיאָנען ווי אויך אַנדערע. די שפע איז געווען גרויס. יידן האָבן געהאַט פּרנסה ברווח.

לומדות, חסידות און אַלגעמיינער ווילשטאַנד זענען געגאַנגען געפּאַרט.

אָבער כאָטש די השפעה פון חסידיזם איז דאָרט געווען גוואַלדיק גרויס און דאָס יידישע לעבן האָט זיך געפירט שטרענג לויט דער תורה און מסורת, האָבן דאָך זיך שוין באַוויזן שפּראָצן פון השכלה און ציוניזם נאָך פאַר דער ערשטער

די מזרח־וואנט (פון דרויסן) פון רבינס קלויז אין הוסיאטין

וועלט־מלחמה. מיט דער צייט איז אנטשטאַנען אַ שטאַרקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ פּריוואַטע גימנאַזיע, אַ העב־רעישע שול, א פאָלקס־ביבליאָטעק, עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטי־קייט.

ווי שוין דערמאָנט, איז הוסיאטין באַלד אין אָנפאנג פון דעם ערשטן וועלט־קריג געפאַלן אַ קרבן פון דער רוסישער אינוואַזיע. די גאַנצע שטאָט איז חרוב געוואָרן. פון דעם שיי־

נעם רבינס הויף זענען געבליבן בלויז הויפנס שטיינער.

דער רבי ר' ישראל פרידמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי מען האָט איבערגעגעבן, מיט דריי גרויסע „ליבעס": אהבת השם, אהבת ישראל און אהבת ארץ־ישראל, איז מיטן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914 אַוועק קיין ווין [31].

די הוסיאַטינער אדמו"רים האָבן באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט דעם נאָמען פון זייער אָפּשטאָם־שטאָט, אָבער אויף סטאַביל שוין זיך אַהין נישט צוריקגעקערט, כאָטש נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך ווידער אָנגעהויבן זאַמלען אַ יידישער ישוב אין הוסיאַטין.

* * *

אָנהייב נאָוועמבער 1918 איז זיך צעפאַלן די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע. אין הוסיאַטין איז אַנטשטאַנען אַן אוקראַינישע הערשאַפט. די ווייניקע דאָרטיקע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין שרעק און פּחד פאַר פּאָגראָמען בפרט אין דער צייט פון די אָפטע דורכמאַרשן און ריצקוגן פון די פאַרשידענע אוקראַינישע און קאָזאַקישע כנופיות.

נאָך בערך אַ יאָר האָבן די פּאָליאַקן פאַרדרענגט די אוקראַינער, אָבער זענען אַליין אויך נישט געבליבן ביי דער מאַכט, און געמוזט אָפּטרעטן פאַר די אַריינדרינגנדיקע כוחות פון דער „רויטער אַרמיי".

די לאַגע פון די יידן אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט איז פון פּאָליטישן און זיכערקייטס־שטאַנדפּונקט געווען אַ סך אַ בעסערע, אָבער פון עקאָנאָמישן — אַ שלעכ־

טע, בעיקר מחמת מאַנגל פון פרנסה־קוואַלן. דעריבער האָבן זיי אַלע אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע שטעט, הויפּטזעכלעך קיין קאַפּיטשינעץ.

קאַפּיטל דריי

הוסיאַטין אונטער דער פּוילישער הערשאַפט (1939—1920)

אין 1920 האָבן די פּאָליאַקן אַרויסגעטריבן די באָלשע־וויקן און איינגעשטעלט זייער מאַכט. אין הוסיאַטין האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אַ יידישער ישוב. די געוועזענע תושבים האָבן זיך אומגעקערט פון פאַרשידענע ערטער. עס זענען אויך אָנגעקומען פּליטים פון יענער זייט זברוטש, אַנטלאָפענע פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט. הייזער און קראָמען זענען אויף ס'ניי אויפגעשטעלט געוואָרן. עס האָט זיך געשאַפן אַ קהליש לעבן מיט ציוניסטישע פּאַרטייען און נאַציאָנאַלע מוסדות. עס איז אויפגעקומען אַ גאַר אַקטיווע און שטאַרקע חלוצישע אָר־גאַניזאַציע. אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע האָבן זוכה געווען צו באַקומען סערטיפיקאַטן און עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

מחמת דעם שטייגנדיקן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט דערגרייכט זיין הויכפּונקט בשעת דער אַלוועלטלעכער ווירט־שאַפטלעכער קאַטאַסטראָפע פון יאָר 1929, איז געוואַקסן די אָרעמקייט פון די יידישע מאַסן אין פּוילן. טויזנטער משפחות זענען געבליבן אָן פּרנסה און געוואָרן אויסגעשטעלט אויף

„בעטל־ברויט״. די דעסטרוקטיווע ווירקונג פונעם קריזיס אויף דער יידישער גאס איז געווען באזונדערס שטארק סיי מחמת דער אַנאָרמאַלער סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג (א. ג. „פאַרקערטע פיראַמידע״) אין פוילן, סיי צוליב דער העפטיקער אנטי־יידישער באָיקאָט־אגיטאַציע מצד אַ ברייטן אַנטיסעמיטישן פראָנט, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסן רוב פון די פּאָל טישע פאַקטאָרן אין לאַנד.

אין די שטעט און שטעטלעך פון גאליציע, דערונטער אויך הוסיאַטין, איז נאָך צוגעקומען די אַלץ וואַקסנדיקע קאָנ־קורענץ פון די אוקראַינישע „קאָאָפּעראַטיוון״ און „סאָיוזן״ (פאַרבאַנדן).

כדי אַ ביסל צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן געראַנגל פון דעם יידישן קליינהענדלער און בעל־מלאכה פאַר זיין עקזיס־טענץ, איז געשאַפן געוואָרן מיט דער שטיצע פון „דזשוינט״ (אַמעריקען דזשויש דיסטריביושן קאָמיטי), א גמילות־חסד־קאַסע, וואָס האָט דערטיילט קרעדיטן אויף צוגענגלעכע באַ־דינגונגען און אַזוי אַרום פאַרהיטן נישט איין נויט־באַדערפטיקן פון א גענצלעכן צוזאמענברוך.

הוסיאַטינער יידן האָבן באַקומען ספּעציעלע היפּאָטע־קאַרע קרעדיטן פונעם „דזשוינט״ דורך דער א. ג. Bank Bank dla Spółdzielni (באַנק פאַר קאָאָפּעראַטיוון) אין וואַרשע, אַפּטיילונג פאַר אויפבוי פון די הייזער, צעשטערטע אין דער מלחמה, כדי אויפצוריכטן זייערע חורבות. אָבער מחמת דער

פאַראַרעמקייט האָבן אַ סך בעלי־חובות נישט געקענט נאָכ־קומען זייערע צאָלונגס־פאַרפליכטונגען. ס׳איז דערגאַנגען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט דער דערמאָנטער באַנק אין וואַרשע, וואָס האָט געדראָט מיט עקזעקוציעס און ליציטאַציעס. נאָר אַ דאַנק די מערערע אינטערווענצן מצד דעם סיים־דעפּוטאַט, אַדוואָקאַט צבי העלער, איז געלונגען אויסצופּועלן פאַרלייכ־טערונגען אין די צאָלונגען און אויסמיידן די סכנה פון בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

צו די טיכטיקסטע פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע אין הוסיאַטין האָבן געהערט: דער איידעלער ייד און לערנער ר׳ אברהמ׳ציע סאַמעט (רייכער שניט־סוחר און טוער פון דער „מזרחי״) און אלי רייס, אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָס איז אויך געווען וויצעבירגערמייסטער פון דער שטאָט און פירנדיקער חבר פון „התאחדות״, סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן.

מיט דעם זעלביקן צוועק פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג זענען אַנטשטאַנען נאָך אַליין־הילף־אָרגאַניזאַציעס, צ. אַ. דער סוח־רים־פאַרבאַנד.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן די ברייטהאַרציקע פּאָליטישע און מאָראַלישע הילף פון ד״ר העלער, וועלכער איז געווען דער געוויילטער פאַרשטייער אין סיים פון דער געגנט, פון טשאָרטקאָווער קרייז. ער האָט נישט איין מאָל באַזוכט הוסיאַטין, אויפגעטרעטן מיט רעפע־ראַטן, אויפגענומען בקשות און דאַן אונטערגענומען בויטיקע

אינטערווענצן ביי די באטרעפנדיקע מאכט־אָרגאַנען. ד״ר הע־לער איז געווען דער אַדרעס, צו וועלכן הוסיאַטינער יידן האָבן זיך געוואָנדן מיט אַלע זייערע פּראָבלעמען. ער האָט יעדערן פּינקטלעך געענטפערט, אינפאָרמירט, געעצהט און זיך באַמיט ביי די געהעריקע אינסטאַנצן, אַז די בקשות זאָלן דערפולט ווערן אויף דעם בעסטן אופן.

* * *

ווען דער שרייבער פון די שורות האָט זיך סוף 1936 באַ־זעצט אין הוסיאַטין, ווו ער האָט פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור, האָט די שטאָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קליינעם יידישן ישוב [32].

די סאָציאַלע סטרוקטור איז געווען טיפּיש פאַר אַ יידיש שטעטל: ס׳רוב קליינהענדלער, בעלי־מלאכות, דאָרפס־גייער, כלי־קודש און א ביסל פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. די לעצ־טע האָט אַרומגענומען עטלעכע אַדוואָקאַטן, 2 מעדיקער, 1 וועטערינאַר, 1 אַפּטייקער, 1 ציין־טעכניקער, 1 אַבסאָלווענט פון מאַטעמאַטישן פאַקולטעט און עטלעכע בוכהאַלטערס, די־מערהייט — נישט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און טייל־ווייז אַסימילירט.

דער שטאָט־רב, ר׳ יעקב רינגעל, אַ זון פון אַ חשובן בעל־הבית און סוחר פון פּראָבוזשנע, איז געווען אַן איידעלער מענטש, אַן אוהב את הבריות, און נישט גאָר פאַנאַטיש. אויך די רביצין, אַ טאָכטער פון הוסיאַטינער רב, ר׳ אלימלך פאַ־הארילע, וואָס האָט עמיגרירט קיין אמעריקע, אין געווען א

סימפּאַטישע און פאַרהעלטנישמעסיק פאַרגעשריטענע פרוי.

בראש פון דער קהילה איז געשטאַנען אַרטור רובינפעלד, א פענסיאַנירטער מלחמה־אינוואַליד, א פוילישער אונטער־אָפיציר פון פּילסודסקי׳ס לעגיאָנען. אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון דער מאַכט האָט ער אויך באַקומען דעם אַמט פון מעטריקאַל־פירער פאַר זיך און אַ פּאָסטן פון אַ פונקציאָנער אין מאַגיסטראַט פאַר זיינס אַ פלימעניק. רובינפעלד האָט זיך באמיט אָנצוגיין ווי אַ פוילישער פּאַטריאָט „פאַר עקסעלאַנס״. אָבער א פיל שענערער און באדייטנדיקער רעפּרעזענטאַנט פון דעם מין יידן איז געווען דער דורך אַלעמען געאַכטעטער וועטערינאַר ד״ר לאַנדפיש. זיין דערשיינען בעת די אָפיציעלע נאַציאָנאַלע פייערלעכקייטן דעם 3־טן מאַי, דעם 11־טן נאָ־וועמבער א. ד. גל., אין דעם מונדיר פון א פוילישן אָפיציר אין ראַנג פון אַ מאַיאָר, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט און דרך־ארץ.

כמעט דער גאַנצער ישוב איז געווען ציוניסטיש גע־שטימט. דער רוב — מיטגלידער אָדער סימפּאַטיקער פון דער פּאַרטיי „התאחדות־פועלי־ציון״. ס׳האָט עקזיסטירט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, „גורדוניה״, קאָמיטעטן פאַרן „קרן קימת״ און „עזרה״ (הילף פאַרן „החלוץ״), אַ פּרויען־קאָמיסיע, אַ גמי־לות־חסדים־קאַסע, אַ העברעישע שול. עס זענען אויך געווען תורמים פאַרן „קרן היסוד״.

ס׳איז געווען קענטיק אַ ירידה־צושטאַנד אויף אַלע גע־ביטן. די יידן האָבן בדרך כלל שווער געאַרבעט פאַר פּרנסה.

די העברעישע שול אין הוסיאטין

דאָס זאַמלען געלט פאַר די ציוניסטישע פאָנדן אָדער פאַר היימישע, געזעלשאַפטלעכע צוועקן איז אָנגעקומען גאָר נישט לייכט. אויף צו אַבאָנירן איין צייטונג, פלעגן זיך צענויפ־לייגן 2־3 מענטשן. אַ ביסל בעסער סיטואירט זענען געווען עטלעכע גרעסערע תבואה־ און שניט־סוחרים, אייגנטימער פון הורט־געשעפטן און אויך א טייל פון די מענטשן מיט אַ פרייען באַרוף.

די שטאָט בכלל איז געווען אַן אמתע „עיר נידחת". ס'איז גאָר נישט געבליבן פון איר אַמאליקן גלאַנץ און פראַכט. ס'איז דאָרט מער נישט געווען די ממשלה פון דעם רבין. דאָ פאַסט זיך אָנצוווענדן אַ מאמר פון רש"י: „יצא צדיק מן העיר, פנה הודה, פנה זיווה, פנה הדרה..."

ס'האָט נישט עקזיסטירט קיין עלעקטריש ליכט אין די גאַסן און נישט און די הייזער, ווי אויך נישט קיין קינאָ. אַפילו באַזיצערס פון ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען געווען געצייל־טע, ווייל אָנלאָדן די באַטעריעס האָט מען געמוזט שיקן קיין טשאַרטקאָוו. קיין פאָטאָגראַף איז דאָרט נישט געווען בנמצא.

עס זענען נישט פאַרגעקומען קיין שום טעאַטער־פאַר־שטעלונגען און קיין פאַרווייילונגען. נאָר איין מאָל אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט מען איינגעאָרדנט אַ חנו־כה־אַקאַדעמיע מיט אַ באַל אין „סאָקאָל"־זאַל [33], געוויינלעך פלעגט מען דעם חשמונאים־יום־טוב אָפּמערקן אויף אַ פייער־לעכער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין שולעכל. (אחוץ דער גרויסער שול איז געווען אויך אַ קליינער „בית־התפילה", איינגעאָר־

יוגנט־אָרגאניזאציע „גורדוניה" אין הוסיאטין
הסתדרות הנוער „גורדוניה" בהוסיאטין

דנט אין אַ שטוב צווישן פּריוואַטע הייזער און געשעפטן).
כ׳ תמוז און אַנדערע יאָר־צייטן האָט מען אָפּגעהאַלטן אין פּאַר־
טיי־לאָקאַל.

* * *

אַ גאָר אייגנאַרטיקע, אויסערגעוויינלעכע אַטראַקציע איז געווען דער „תשליך״ביים טייך זברוטש, וואָס האָט ממש עלעקטריזירט דעם גאַנצן ציבור.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה, באַלד נאָך דער סעודה, פלעגט דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן, קינד און קייט שטראָמען צו דער בריק, צום ווייטסטן ברעג פון דער פּוילישער טערי־טאָריע, האַרט ביי דעם גרענעץ־טייך. גלייכצייטיק פלעגן אַרויסקומען די ייִדן פון דער צווייטער זייט, פון דעם סאָוויע־טישן שטעטל. נאָר די דאָרטיקע יוגנטלעכע האָבן זיך גע־האַלטן אַ ביסל פון דערווייטנס. איין מאָל אין יאָר האָבן די ייִדן פוןביידע טיילן הוסיאַטין געהאָט די לעגאַלע מעגלעכ־קייט, אונטער דער דעק פון אַ רעליגיעזער צערעמאָניע, זיך צו זען, ווען אַפילו נישט גאָר נאָענט. שטומע בליקן האָבן זיך געקרייצט. משפחות, צעטיילטע זינט יאָרן, האָבן זיך דער־קענט, באַגריסט און געטיילט מיט די נייעסן פון זייער פּריי־וואַטן לעבן, שרייענדיק הויך כלומרשט צו אַ דערביי שטייענ־דיקן מענטש, וואָרעם אַריבעררעדן פון איין זייט צו דער צווייטער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

אויפן ערשטן בליק איז באַלד געווען קענטיק דער אונ־טערשיד אין לעבנס־ניוואָ. אונדזערע פרויען זענען אַרויס־

געגאַנגען אויסגעפּוצט, ווי מ׳זאָגט „אין עסיק און אין האָ־
ניק״ און די רוסישע האָבן זיך באַוויזן אין ביליקע קליידלעך,
כאָטש זיי האָבן אַוודאי זיך געפּלייסט אָנצוטון דאָס שענסטע,
וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

זייער רירנדיק איז געווען די סצענע, ווען די פון דער
פּוילישער זייט און די פון דער סאָוויעטישער האָבן גלייכ־
צייטיק און אויפן הויכן קול געזאָגט פּסוק נאָך פּסוק די
תפילה: „מי אל כמוך... ותשליך במצולות ים כל חטאתם...״
און צוזאַמען מיט די ברעקלעך פון די קעשענעס זענען אויך
געפאַלן אין טייך הייסע טרערן פון אַלע פאַרזאַמלטע. טרערן
פון פרייד און טרערן פון לייד. פון פרייד, וואָס נאָך אַ יאָר
דערוואַרטונג האָט מען זיך ווידער געזען, און פון לייד, ווייל
די באַגעגעניש איז אַזאַ קורצדויערנדיקע און אויף אַ גע־
וויסער דיסטאַנץ. דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך אויפן געדאַנק,
צי וועט מען נאָך אַמאָל דערלעבן אַזאַ געלעגנהייט.

אַן אומפאַרגעסלעך בילד: אויףביידע ברעגעס פון אַ טייך
שטייען קינדער פון איין פאָלק פאַראייניקט אין איין גלויבן,
אין די זעלבע אידעאַלן און צילן, אָבער דאָך אַזוי טראַגיש
צעשיידט דורך דעם אכזריותדיקן גורל פון גלות; שטיקער
פון איין גוף, צעזייטע און צעשפּרייטע צווישן פרעמדע,
פיינדלעכע אומות.

* * *

די גרענעץ מיט רוסלאַנד איז געווען הערמעטיש פאַר־
מאַכט. טאָג און נאַכט האָבן דאָרט געוואַכט אַחוץ דעם גרע־

נעץ־קאָרפּוס (ק. אַ. פּ. [34]), מונדורירטע און נישט־מונדורירטע פּאָליציאַנטן.

ס'איז געווען פאַרבאָטן די באַוועגונג אין גאַס נאָך 9 אַ־זייגער אין אָוונט ביז 5 אַזייגער אין דער פרי. די זעלבער פון ק. אַ. פּ. פלעגן פאַרהאַלטן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אַן אַ דערלויבעניש געפונען אין דער צייט אין גאַס, אַפּפירן אין די קאַזאַרמעס, און דאָרט איינזעצן אין אַ קעלער־אַרעסט אויף אַ גאַנצע נאַכט.

די פענצטער האָבן געמוזט זיין פאַרהאַנגען, עס זאָל זיך נישט דורכלויכטן קיין שיין פון די לאָמפּן. בכלל האָט זיך געפאָדערט אַ דערלויבעניש פון סטאַראָסטע אין קאַפּיטשי־נעץ אויף אַריינפאָרן קיין הוסיאַטין און מכל שכן אויף צו באַזעצן זיך דאָרטן.

די וועכנטלעכע ירידים, זענען געווען אין הוסיאטין פאַר־העלטענישמעסיק קליינע. נאָר איין מאָל אין יאָר, יולי אָדער אויגוסט, פלעגט פאָרקומען אַן „אָדפּוסט", א מארק־טאָג, וואָס האָט צוגעצויגן טויזנטער פויערים פון דער גאנצער געגנט. דאמאָלס פלעגן אויך קומען הענדלערס פון אנדערע שטעט און אויסשטעלן זייערע „מציאות" — דער פדיון פון דעם איינעם טאָג האָט א ביסל פארלייכטערט דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב פון די היימישע קרעמערס.

אין הוסיאַטין איז געווען אַ געריכט פון דער ערשטער אינסטאַנץ. זיין קאָמפּעטענץ האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ סך דערפער פון דער סביבה און די אוידיענצן, וואָס פלעגן

פאַרקומען כמעט יעדן טאָג, האָבן געבראַכט פיל מענטשן אין דער שטאָט אַריין, ווו זיי האָבן שוין אין איינוועגס אויך עפּעס איינגעקויפט. פון זיי טאַקע האָט זיך בעיקר רעקרוטירט די קליענטעלע פון די שטעטישע יידן. אויף דעם אָרט איז כדאי צו דערמאַנען דעם פּרעסטיזשפולן ד״ר גראַבשייד, נעסטאָר פון די אַדוואָקאַטן, אַ זייער אָנגעזעענעם ביי די גוט־באַזיצערס פון דער געגנט. ווי מען האָט איבערגעגעבן, איז ער געווען ערן־בירגער פון דער שטאָט הוסיאַטין, און ביי אַ באַזוך פון אַ הויכן רעגירונגס־ אָדער קירכלעכן דיגניטאַר, פלעגט ער, אַ פלאַמיקער אָראַטאָר, האַלטן די באַגריסונגס־רעדע אין נאָמען פון אויפנעם־קאָמיטעט. די לעצטע צייט פאַר דער מלחמה האָט ד״ר גראַבשייד געוווינט אין ווין, ווו עס האָט געלעבט זיין פרוי מיט זייערע צוויי זין, באַרימטע מעדיקער.

זייער דערפאָלגרייך איז אויך געווען אַ צווייטער אַדוואָקאַט, דער ד״ר שמואל פעלדמאַן. כאָטש נישט תמיד אַזוי גערן, האָבן די ריכטער דאָך געמוזט זיך מיט אים שטאַרק רעכענען אַדאַנק זיינע פעיקייטן און יורידיש וויסן.

אין הוסיאַטין ווי אַ גרענעץ־זאָנע איז די גילטיקייט פון אַ קויף־קאָנטראַקט אויף באָדן געווען אָפּהענגיק פון אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון סטאַראָסטע, וואָס איז אויסשליסלעך צוגעטיילט געוואָרן פּאָליאַקן און בעיקר די קאָלאָניסטן, מאַזורן, וועלכע האָבן זיך מאַסנווייז באַזעצט אין דער געגנט. אגב, זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט נישט וויי־

ניק יידן־האָס און אים דאָרט פאַרשפּרייט.

אין דער שטאָט גופא האָט געוווינט אַ קליינע צאָל פּאָל־יאַקן, ס׳רוב באַשעפטיקטע אין געריכט־וועזן, אין דער אַד־מיניסטראַציע און עפנטלעכער באַדינונג.

די באַפעלקערונג פון די אַרומיקע דערפער איז באַשטאַ־נען הויפטזעכלעך פון אוקראַינער. דאָרט האָבן געלעבט נאָר געציילטע יידישע משפחות. אייניקע פון זיי האָבן אַליין גע־פירט אַן אַגראַר־ווירטשאַפט אָדער אויפגעקויפט די דאָרפישע פּראָדוקטן, אַנדערע ווידער האָבן געהאַט שפּייז־ און שניט־קרעמלעך. עס זענען דאָרט געווען אויך שמידערס און פּאַכ־טערס אָדער אייגנטימער פון מילן און פעלדער. אַגב, אין דעם דאָרף ליטשקאָווצע איז געווען דער אייגנטימער פון אַ גרויסן פּאָלוואַרק א ייד, קימעלמאַן. ער אַליין, שוין אַן אַל־טער מאַן, האָט מיינסטנטיילס געוווינט אין לעמבערג און די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה זיך געשמדט אויף אַ פּראָטעס־טאַנט, כדי, ווי מען האָט געזאָגט, צו זיין פּטור פון צאָלן דעם קהילה־שטייער. געווען אויך א פּאַל, ווען די פאַר־וואַלטער פון זיין גוט האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופּילן די צוואה פון קימעלמאַנס פאָטער צו צושטעלן יעדעס יאָר א געוויסן קוואַנטום קאַרטאָפל און אנדערע פּראָדוקטן פאַר די יידישע אָרעמע לייט פון הוסיאַטין. ערשט ווען מיר האָבן פון ד״ר פעלדמאַנס אדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע אין נאָמען פון דער קהילה אריינגעטראָגן א קלאגע אין געריכט, האָט

דער צד שכנגד באוויליקט אויסצופירן דעם לעגאט לויט דער פארפליכטונג.

* * *

די באציונג פון דער שטעטישער קריסטלעכער באפעל־קערונג צו די יידן איז אין אלגעמיין און פאָרמעל געווען א טאָלעראנטע. די באאמטע האָבן גערן גענאָסן פון קרעדיט ביים יידישן סוחר און בעל־מלאכה. די פוילישע ריכטער האָבן זיך גאנץ גוט געפֿלט יעדן נאָכמיטיק ביים טרינקען זייער פלאש ביר אין חדר מיוחד פון בראנדעסעס צוקערניע, כאָטש אידעיש זענען זיי נישט געווען פריי פון אנטיידישע פאָראורטיילן.

די פויערים פון די דערפער זענען געשטאנען אונטערן איינפלוס פון די אוקראאינישע קולטור־פאריינען „פראָשוויטא״; עס זענען אויפגעקומען, ווי שוין דערמאנט, קאָאָפעראטיוון, וואָס האָבן אויפגעקויפט דירעקט ביים פויער זיינע פראָדוקטן און אים געליפערט אלץ דאָס נייטיקע. דאָס האָט נאטירלעך געשאפן א שטארקע קאָנקורענץ פאר דעם יידישן ז׳אָרפס־איינוווינער (און אויך דאָרפס־גייער). דער האנדל מיט די גויים איז געוואָרן שטאַרק איינגעשרומפן.

בנוגע די קריסטלעך־יידישע באציונגען אין הוסיאטין איז צו פארצייכענען צוויי טראגישע געשעענישן: זומער 1929 האָט א גרופע חלוצים געארבעט אויף די פעלדער אין דאָרף קיערניטשקי. אין רעזולטאט פון א באליידיקנ־דיקער האנדלונג קעגן א חלוצה, איז אויסגעבראָכן א קריי־

געריי און א געשלעג צווישן די יידן און די קריסטלעכע פּאַרנאַלעס (טאָג־לענער, געדונגענע ארבעטער) און איינער פון די לעצטע איז אזוי פאטאל פארוואונדעט געוואָרן, אז ער איז אויפן צווייטן טאָג געשטאָרבן. זעלבסטפארשטענד־לעך, אז די חלוצים האָבן זיך נישט מתכוון געווען צו דערהרג'ענען דעם אָנגרייפער און די באדויערנדיקע פּאסי־רונג איז געשען אומגערן. אָבער דער דאמאָלסדיקער נאָמי־נירטער בירגערמייסטער פון הוסיאטין, וו. טארנאווסקי, האָט צוליב פּערזענלעכע סבות געוואָלט אויסנוצן דעם טראַ־גישן פאל און איינאָרדענען אן עפנטלעכע לוויה מיט אן אָרקעסטער און הספד־רעדעס, כדי צו העצן דעם המון קעגן דער יידישער באפעלקערונג אין הוסיאטין.

די יידן האָט, נאטירלעך, באהערשט א פּאניק און עטלעכע פאמיליעס האָבן טאקע פארלאָזט די שטאָט מחמת מורא פאר א פּאָגראָם.

אָבער די פּאָליציי, נעמענדיק אין אכט די ערנסטקייט פון דער לאגע און די וואָרענונגען פון דער יידישער יוגנט צו שטעלן א פעסטן ווידערשטאנד, האָט פארבאָטן די דע־מאָנסטראציע. דאָך האָט דער המון, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער לוויה־פּראָצעסיע, געמאכט פיינטלעכע אויסרופן קעגן די יידן, געוואָרפן שטיינער אויף א סך יידישע הייזער און אויסגעבראָכן שויבן.

נאָך דער פיינלעכער געשעענ ש האָט דער יידישער ציבור אין הוסיאטין געמאכט אן אָנקלאגע אויף דעם דער־

מאַנטן בירגערמייסטער און געפּאַדערט אים צו באַזייטיקן. די באַטרעפנדיקע פּעטיציע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך דער קהילה, הרב ר׳ יעקב רינגעל, קרעדיט־פאַרבאַנד און דורך דעם רוב פון די יידישע הוסיאַטינער איינוווינער.

(מיר ברענגען באַזונדער אַן אויסשניט מיט די חתימות פון דעם אָריגינעלן דאָקומענט. אחוץ פיר אונטערגעשריבענע, דהיינו פייוויש אַלטשילער, ישראל בירנבוים, מענדל יע־גענדאָרף און לייב כ״ץ, זענען אַלע אַנדערע אומגעקומען אין דער שואה).

די צווייטע טרויעריקע פּאַסירונג איז פּאַרגעקומען אין יאָר 1937 (אָדער 1938). ס׳איז אויסגעפירט געוואָרן אין הוסיאַטין א מאָרד איבער א יידישן פאַרמעגלעכן סוחר, שיעלע ווינקלער. אין אַן אָוונט, ווען ער האָט זיך געפונען איינער אַליין אין זיין געשעפטס־לאָקאַל, איז ער דורך 2—3 באַנדיטן דערשטאָכן געוואָרן אויף טויט.

די רוצחים זענען קיין מאָל נישט אַנטדעקט געוואָרן. מען האָט אָנגענומען, אַז דאָס זענען געווען אוקראַאינישע טעראָ־ריסטן, וואָס האָבן געוואָלט רויבן געלט פאַר זייער אָרגאַ־ניזאַציע.

די אַלע שטייגנדיקע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער פּוילישער מאַכט און איר דערנענטערונג צו דער נאַציסטער דייטשער רעגירונג, די יידנהעצערישע רעדעס פון היטלער און זיינע מיניסטאָרן, די פאַרברעכערישע מעשים קעגן די יידן אין דייטשלאַנד, די „קרישטאָל־נאַכט״, גירוש זבאָנשין 34*

אז״וו, האָבן שטאַרק געווירקט, אזוי ווי איבעראַל, אויף די יידן אין הוסיאַטין, די שטימונג איז געווען זייער א געדריקטע. מ׳האָט געפילט, אז עס רוקט אָן א פּאַטאַ־ ליסטיש ב י י ז, קעגן וועלכן מען איז אָנמעכטיק און אומבאַהאָלפן.

קאַפּיטל פיר

הוסיאַטין אונטערן סאָוויעטישן רעזשים (1939—1941)

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די דייטש־פּוילישע מלחמה. אין הוסיאַטין איז אנטשטאַנען א פאַרשטענדלעכע בהלה. די פאַראָרדנטע מאָביליזאַציע האָט טאַקע די יידישע יוגנט כמעט ווי נישט באַרירט, אָבער בכלל איז דאָס לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א כאַאָס. ס׳האָבן געשטראָמט דורך קאָפּיטשינצע אָן א שיעור מענטשן קיין זאַלעשטשיקי, צו דער גרענעץ מיט רומעניע, וואוהין ס׳איז אנטלאָפן די פּוילישע רעגירונג. עס זענען אויך אָנ־ געקומען קיין הוסיאַטין יידן־פּליטים פון וואַרשע, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין וועג מחמת ס׳האָט זיי אויס־ געפעלט בענזין צו די אויטאָס, אָדער די דאָזיקע זענען זיי קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דעם מיליטער.

יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע איוב־בשורות וועגן דעראָבערטע שטעט דורך די דייטשן און זייער דערנענטערונג

צו אונדז. דער בלוטיקער זיגערישער „מארש נאָך אָסטען" האָט אָנגעפילט מיט גרויס שרעק די יידישע הערצער. מען האָט אָבער, לײדער, נישט געזען קיין אויסוועג פון דער לאגע. אויך אָן דעם א ז שוין לעצטנס אונטער דער פוילי־שער האלב־פאשיסטישער הערשאפט די לופט געווען אזוי פארפעסטעט, אז ס'האָט ממש געשטיקט מחמת די רדיפות און גזירות, די עקסצעסן אויף די אוניווערסיטעטן און די פאָגראָמען, די פיקעטן פאר די יידישע געשעפטן, די העצע־רישע רעדעס פון דער סאנאטאָרשע, מאדאם פריסטער, פון מיניסטאָרן אז"וו. איצט זענען נאָך צוגעקומען די גרוילן פון א מלחמה בכלל און די סכנה ארונטערצופאלן אונטער דער דייטשער אָקופאציע בפרט. מ'האָט געלעבט אין פחד און אנגסטלעכער שפאנונג.

פלוצים איז געקומען אן או פלייזונג.

שבת, דעם 16־טן סעפטעמבער, אין די אָוונט־שעהן האָט מען שוין באמערקט עפּעס אן אומגעוויינלעכע באַ־וועגונג אויף דער צווייטער זייט זברוטש. מען האָט געמיינט, אז דאָס זענען מאנעווערעס אָדער הכנות צו פארטיידיקן די גרענעץ־ליניע קעגן אן עווענטועלער אינוואזיע פון די דייטשן. קיינעם איז נישט איינגעפאלן, אז סאָוו. רוסלאנד זאָל ברעכן דעם נישט־אָנגריף־פאקט מיט פוילן און איר אריינ־שטעכן א מעסער אין רוקן, גראָד ווען זי בלוטיקט אין קאמף מיט דעם גרעסטן שונא פון דער פרייער מענטשהייט. אפילו ווען ס'איז שוין באוווסט געוואָרן וועגן דעם פריינד־

שאפטס־אָפּמאַך צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ פֿון 23־טן אויגוסט 1939, האָט מען נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז סטאַלין זאָל זיין פֿעיק צו מאַכן אַ שותפות מיט היטלערן און צעטיילן צווישן זיך די פּוילישע טעריטאָריע.

זונטיק, דעם 17־טן סעפּטעמבער, 4 אַזייגער פֿאַרטאָג, נאָך אַ קורצער באַשיסונג, האָבן זיך באַוויזן מאַסן טאַנקען און סאָלדאַטן פֿון דער „רויטער אַרמיי".

די יידן זענען אַרויס אין די גאַסן, איבערראַשטע פֿון דעם מעכטיקן קריגס־פּאָטענציאַל, פֿון די „סטאַלינעץ"עס (אַ סאָרט טאַנקען) אַוויאָנען, ריזיקע לאַסטאַויטאָס, קאַנאָנען, מאַשין־געווער און אַנדערע כלי־משחית.

מיט באַוואונדערונג האָט מען אויפגענומען די המונים סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשטראָמט און געשטראָמט, דאַכט זיך, אָן אַן אויפהער. אין קעגנזאַץ צו די שטאָלצע, פֿאַרריסענע פּאָליאַקן, האָבן זיי געמאַכט אַן איינדרוק פֿון פּשוטע, באַשיידענע אַרבעטס־מענטשן, וואָס אי־צט דערפֿילן זיי זייער מיליטערישע פֿליכט. מיט פּנימער, אָפּגעברענטע פֿון דער זון און פֿונעם ווינט, האָבן זיי געטאָפּשעט אין די טיפֿע בלאָטעס אין זייערע לאַנגע, פֿאַרברודיקטע שינעלן, באַגאַטעליזירנדיק אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן מיט אַ „ניטשעוואָ!"

סאָלדאַטן און אויך אָפֿיצירן האָבן מיט פּשטות, אָן גרויסהאַלטעריי, געשמועסט מיט די מענטשן, אָנרופֿנדיק יעדן: „טאָוואַרישטש". זיי האָבן שטאַרק געלויבט די סאָוויעטישע אָרדענונג און קריטיקירט דעם קאַפּיטאַליסטישן

סיסטעם פון די פוילישע „פאנעס".

דאָך איז קענטיק געווען, אז זיי האָבן געהאט די פליכט צו פירן פראָפּאַגאַנדע. ס'האָט דאבײ אויך נישט געפעלט קיין הומאָריסטישע נאָטע. אויף יעדע פראגע וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס א פּראָדוקט אין סאָוויעטן־פארבאנד, איז געקומען דער ענטפער: „יעסט אי או וואָס בודיעט" (ס'איז דאָ און אויך ביי אייך וועט זיין). האָט זיך געפונען א וויצלער און געפרעגט: „צרות או וואָס יעסט?". די תשובה איז א קאטעגאָרישע: „יעסט אי או וואס בודיעט"...

* * *

מען האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ס'האָט מער נישט גע־האָנגען די נאצישע שווערד איבערן קאָפּ. אָבער גלייכצייטיק האָט געגנאָגט אן אומרויק געפיל. מען האָט דאָך געוווסט, אז אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים עקזיסטירט נישט קיין נאציאָנאל יידיש לעבן — דאמאָלס איז נאָך אפילו נישט געווען קיין געזעץ וועגן רעליגיעזער טאָלעראנץ, וואס איז ערשט שפּעטער ארויסגעגעבן געוואָרן. ס'האָט באהערשט די מורא, אז מען ווערט שוין אויף אייביק אָפּגעשלאָסן אונטער דער אייזערנער מויער און מ'וועט קיין מאָל נישט קענען זיך פארייניקן מיט די קרובים אין אויסלאנד.

אָבער אין אונטערשטן סך־הכל איז מען דאָך געווען צופרידן. אחוץ דעם האָט דאָס נ י י ע, וואָס האָט אונדז דערוואַרט, אביסל געלאָקט און גערייצט דעם נייגיר. אלץ איז דאָך געווען אזוי אנדערש, די פּאָליטישע אָרגאניזאציע,

דער עקאָנאָמישער און יורידישער סיסטעם, די אידעען און די מאָראַל. פריער, פאר דער מלחמה, טראָץ דער באמערקטער אָרעמקייט, האָבן מיר נישט איין מאָל מיט קנאה אריבער־געקוקט אויף דער צווייטער זייט. דאָ, אין פוילישן הוסיאטין איז געווען פינצטער, אפילו די ברענענדיקע קאנעצלעך האָט מען געמוזט פארשטעלן... און דאָרט בליצן די עלעקטרישע לאָמפּן אויף די גאסן און אין די הייזער. שבת און זונטיק — ביי אונדז — א שטילקייט, א געהעמטקייט און א געדר קטע שטימונג, אָן פארוויילונג און פרייד. דאקעגן אין רוסישן „שטעטל" איז פריילעך, קלאנגען פון מוזיק און געזאנג דערטראָגן זיך ביז צו אונדז. דעם 1־טן מאי פלעגן מיר זען די מאניפעסטאציעס מיט די גרויסע פאָנען, מיט די פאָרטרעטן פון מארקס, ענגעלס, לענין און זייער אסך פון סטאלין; ריזיקע טראנספארענטן און קאראוואנען מיט שווע־רע לאסט־אויטאָס.

דאמאָלס האָבן מיר נאָך נישט געוווסט דאָס, וואָס ס'האָט זיך שוין באלד אין די ערשטע טעג ארויסגעוויזן, אז דאָרט פעלט אלץ פון די נייטיקסטע ארטיקלען פון ערשטן געברויך. (ס'איז אומגעגאנגען א וויץ: אין סאָוו.־רוסלאנד איז אלץ פאראן אחוץ דעם, וואָס הייבט זיך אָן מיט „א", ווי, למשל, א ברויט, א העמד אז"וו...). ביי אונדז, ווי אָרעם ס'האָט אויסגעזען די עקזיסטענץ, איז דאָך דאָס אלץ יאָ געווען צו באקומען.

נישט געקוקט דערויף, האָבן מיר געזוכט א זכות:

ס׳איז מלחמה. אלץ פארן פראָנט, פארן זיג קעגן דעם קאַ־פּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם... אָבער דערפאַר, וואָס פאַרא שיינע לאָזונגען! וואָס פאַרא דערהויבענע אידעאַלן! — —

„מיר זענען געקומען אייך באַפרייען פון דער פאַשיסטישער ממשלה פון די פּוילישע פּאַנעס, ביי אונדז איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן אַן אוקראַינער, אַ פּאָליאַק און אַ יעוורעי (ייִד), אַלע מענטשן זענען גלייך, מיר ווילן שאַפן אַ שטאַט, וואָס זאָל זיין נאַציאָנאַל לויט דער פאָרעם און סאָציאַל לויטן אינהאַלט״. נאַציאָנאַל — האָט געהייסן: אוקראַיניש. ביי יעדער געלעגנהייט האָט מען אונטערגעשטראָכן די באַפ־רייונג פון דער מערב־אוקראַינע, כדי זי צו פאַראייניקן מיט דער מזרח־אוקראַינע, מיט קיעוו ווי די הויפּטשטאָט.

למען האמת, דאַמאָלס האָט מען טאַקע נישט געפילט קיין שום דיסקרימינאַציע. אין דער אַרמיי האָבן מיר געזען אַ סך ייִדישע לייטענאַנטן, קאָמאַנדירן, אפילו גענעראַלן; אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — ייִדן אויף הויכע שטעלעס; אין דער ציווילער אַדמיניסטראַציע, אין דער יוסטיץ, אין די ווירטשאַפטס־סעקטאָרן און אין שול־וועזן, איבעראַל זענען די ייִדן אָן שום שוועריקייטן אויפגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט און צו לערנען.

(אגב, וועגן דעם פּראָפּאָרציאָנעל גרויסן אָנטייל פון ייִדן אין עפנטלעכן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַרומע־גאַנגען אַ וויץ, וואָס שטאַמט נאָך מסתמא פון דער ערשטער צייט נאָך דער רעוואָלוציע און האָט אפשר אויך אַ שטיקל

אנטיסעמיטישן בייגעשמאַק. ווי באַקאַנט, ווערט באַצייכנט דאָס לאַנד מיט די איניציאַלן אין רוסיש: ס.ס.ס.ר.[35] פרעגט זיך א שאלה: פּאַרוואָס דריי „ס" און נאָר איין „ר"? דער ענטפער: ווייל אויף דריי פּרולקעס איז דאָ איין רוס...)

וואָס פאַרא בולטער קאָנטראַסט אין פאַרגלייך מיט דעם מצב פון פריער!

ווי באַוווּסט, זענען די ייִדן אונטער דער פּוילישער הערשאַפט נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו געוויסע סטודיומס, ס'האָט געהערשט „נומערוס קלאַוזוס" אָדער „נומערוס נוללוס" אויף די אוניווערסיטעטן. דער צוטריט צו א מלוכה־פּאָסטן איז פאַר א ייִדן געווען פאַרמאַכט. און בכלל האָט געהערשט אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד. און דאָ האָבן זיך מיט אַמאָל געעפנט ברייטע, אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון באַשעפטיקונג, פון בילדונג און אַנטוויקלונג.

כמעט די גאַנצע ייִדישע יוגנט, א דערצויגענע אין ציוניסטישע היימען, האָט זיך באַלד געלאָזט אַריינציען אין „קאָמסאָמאָל". זייערע עלטערן, אוודאי אויס מורא פאַר פאַרפאָלגונגען, האָבן נישט געשטערט אין דעם. און קיין אַנדערע אַלטערנאַטיווע איז פאַר די יוגנטלעכע נישט געווען. צו זייער דיספּאָזיציע איז איצט געשטעלט געוואָרן דער רחבותדיקער, שיינער „סאָקאָל"־זאַל, אין וועלכן עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן קולטור־אימפּרעזן, טאַנץ־אָוונטן, קינאָ־פאָרשטעלונגען, ספּאָרט־איבונגען א.ז.וו. דאָס אַלץ איז געווען

באגלייט מיט אַן אינטענסיווער פּאָליטישער אַגיטאַציע.

אונדזער יוגנט האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַר־ברענגען אין אַן אַטמאָספער, אַ פרייער פון די אָנגענומענע קליינבירגערלעכע קאָנווענאַנסן. עס האָט זיי געלאָקט דער נייער סדר.

די נייע מאַכט האָט גערן אויפגענומען די מיטאַרבעט פון די יידן, ווייל צו די פּאָליאַקן האָט זי נישט געהאַט קיין צוטרוי, און די אוקראַינישע אינטעליגענץ איז זי חושד געווען אין נאַציאָנאַלע, סעפּאַראַטיסטישע און קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערע שטרעבונגען. די יידן האָבן דערפילט זייערע פליכטן ביי יעדער אַרבעט, ביי וועלכער זיי זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן. און אַלע האָבן געמוזט זיין באַשעפטיקט. ס׳איז נישט געווען געמאָלט זיך אַרומצודרייען ליידיק.

עס זענען געווען עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך פּאָליטיש זייער שטאַרק אַנגאַזשירט, אַרויסגעטרעטן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, גענומען אָנטייל אין דער נאַציאָנאַליזאַציע (פאַרשטאַטלעכונג, קאָנפיסקאַציע) פון יידיש פאַרמעגן, פון די מ׳שטיינס געזאָגט, „בורזשועז", ווי אַ געוועזענער שניט־קרעמער, שוך־הענדלער, אָדער אביסל פאַרמעגלעכער אַד־וואָקאַט. זיי פלעגן זיך באַטייליקן אויך אין זוכונגען פון געווער און אַרעסטן פון קריסטן, פאַרדעכטיקטע אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט וכדומה.

די דאָזיקע יידישע קאָלאַבאָראַנטן זענען טיילמאָל געווען,

ווי מען זאָגט, „פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט", ריקזיכטלאָז אפילו לגבי זייערע אייגערע נאָענטע, און נישט גערעכנט זיך מיט דעם, אז אזעלכע דראַסטישע האנדלונגען קענען ארויסרופן אנטיסעמיטישע געפילן און וועלן זיך נוקם זיין אויף אלע יידן. אין הוסיאטין איז געווען א בחור, א זון פון א זייער אָרעמען זייגערמאכער, א מטופל מיט קליינע קינדער. א פּאָר יאָר פאר דער מלחמה איז דער דאָזיקער בחור אין א שיינעם, זומערדיקן שבת־פרימאָרגן אריבער דעם זברוטש אויף דער רוסישער זייט. דאָרט האָט מען אים ארעסטירט און נאָכן אָפּהאלטן א צייט, איבערגעגעבן דער פּוילישער מאכט. דאָ איז ער פארמשפּט געוואָרן אויף א פּאָר יאָר טורמע. ווען די רוסן זענען אריין, איז ער גלייך מיט אנדערע ארעסטאנטן באפרייט געוואָרן און א היים געקומען. אין הוסיאטין האָט ער זיך ארויסגערוקט ווי אן אקטיווער מיטארבעטער פון דער סאָוויעטישער מאכט.

און נאָך א פאל: באלד נאָכן ארייננמארש פון דער „רויטער ארמיי" האָב איך, ווי דער סעקרעטאָר פון סניף „אחוד" (התאחדות־פועיץ) צענויפגערופן די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג אויף א געהיימע באראטונג וועגן דער שטעלונג, וואָס מיר דארפן אָננעמען אין אָנבליק פון דער ניי געשאפענער לאגע.

איין מיטגליד, אגב, א פעיקער יונגערמאן, האָט קאטע־גאָריש געפאָדערט, תיכף אויפצולעזן די אָרגאניזאציע און אָפּשטעלן יעטוועדע טעטיקייט, פארגעסן וואָס מיר זענען

געווען — „לא יזכר ולא יפקד"... איך האָב מיך אָריענטירט, אז ס'קאָן זיין געפערלעך צו פירן ווענן דעם א ווייטערדיקע דיסקוסיע. מיט א ווייטיקלעך געפיל זענען מיר זיך פאנאנדער־געגאנגען.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז דער „ציוניסט־סאָציאליסט" געוואָרן די רעכטע האנט פון דעם „האָלאָווא" (הויפט) פון א וויכטיקן אמט.

פון יענעם מאָמענט אָן בין איך מער נישט געקומען אין בארירונג מיט מיין געוו. פארטיי־חבר. די ביידע גע־שילדערטע „העלדן" און נאָך עטלעכע זייערס גלייכן זענען מיטן ריקצוג פון דער „רויטער ארמיי" אוועק קיין רוסלאנד.

* * *

צו יענער צייט איז א גרופע שליחים פון ארץ־ישראל געבליבן שטעקן אין הוסיאטין. נאָכן שליסן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אויגוסט 1939, אין זשענעווע, שווייץ, האָט זיך א גרופע שליחים פון ארבעטנדיקן א"י און דער הלו־צישער באוועגונג געלאָזט קיין פוילן אויף צו פירן זייער געפלאנטע טעטיקייט. זיי זענען אָנגעקומען קיין ווארשע דעם 1־טן סעפטעמבער, דעם טאָג, ווען די שטאָט איז באָמ־באַרדירט געוואָרן דורך די דייטשן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שוידערלעכע מלחמה. נאָך א וואָך צייט איז קלאָר געוואָרן, אז ס'איז מער נישטאָ קיין מעגלעכקייט פאר זייער ארבעט אין פוילן און עס איז געפאלן דער באשלוס, זיך אומצוקערן אין לאנד אריין, דורך דער רומענישער גרענעץ. ווען זיי

האָבן זיך שוין, נאָך גרויסע שוועריקייטן און סכנת־נפשות, דערשלאָגן קיין זאלעשטשיק, איז שוין די גרענעץ געווען פארמאכט. היות זיי האָבן באזיצט בריטישע פאספאָרטן און אויך די רומענישע וויזע, האָט זיי דער אָפיציר פון דאָרטיקן גרענעץ־פּונקט ארויסגעגעבן א „פּראָפּוסק״ (דערלויבעניש) צו פאָרן דורך הוסיאטין קיין קאמינעץ פּאָדאָלסק, כדי פ‪ּ‬ן דאָרט זיך צו באזאָרגן מיט דער ארו ספּאָר־וויזע פון רוסלאנד דורך אָדעס.

דעם 26־טן סעפּטעמבער זענען די שליחים אָנגעקומען דורך קאָפּיטשינעץ קיין הוסיאטין. אָבער דאָ האָט מען זיי נישט אדורכגעלאָזט איבער דער גרענעץ, נאָר באפוילן צו ווארטן אויף א דערלויבעניש פון מאָסקווע. דער „נאטשאל־ניק״ פון דער גרענעץ־וואך (אָפּטיילונג פון נ.ק.וו.ד.) האָט ארויסגעוויזן א סך פארשטענדעניש פאר זייער לאגע און זיי באהאנדלט העפלעך און אפילו פריינדלעך. ער האָט אָנגע־האלטן א פארבינדונג אין דעם ענין מיט קאמענעץ, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאב פון דער גרענעץ־קאָנטראָל פון דעם קרייז. אונטער זיין שוץ זענען אָפיציעל געשטאנען די שליחים לגבי דער לאָקאלער מאכט.

די גרופּע א״י־בירגער איז באשטאנען פון 9 פערזאָן: צוויי פרויען און זיבן מענער, פון די אָנגעזעענסטע אקטי־ויסטן פון דער ארבעטער־באוועגונג בכלל און פון דער חלוצישער בפרט. צווישן אנדערע זענען דאָרט געווען: ל. לויטה (קיבוץ עין חרוד), פּ. בנדורי ז״ל (גבעת השלושה),

חנה צוראבל־יעקבי (נען), משה מלמד (גליל־ים), אריה פיאלקאָוו־סגולי (אפק), און גאולה מחניימי (א צברה).

די ידיעה וועגן זייער אויפהאלט אין הוסיאטין איז דערגאנגען צו א צווייטער גרופע שליחים און חברים פון מרכז „החלוץ", וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאָוועל און אין ראָוונע. עס זענען ארויסגעשיקט געוואָרן קיין הוסיאטין צוויי חלוצישע אקטיוויסטינס, איין מאָל צביה לובעטקין („פרייהייט") און א צווייט מאָל צפורה פעלדמאן („גורדו־ניה"). זייערע באזוכן זענען געווען איילִיקע, במשך פון איין נאכט, כדי נישט צו רופן די אויפמערקזאמקייט פון א „בייז אויג"... דער עיקר — עס זאָל אָנגעהאלטן ווערן די פארבינ־דונג.

נאָך 5 וואָכן פון שפאנענדיקער, גורלדיקער דערוואַרטונג, זענען ענדלעך אָנגעקומען פון מאָסקווע די טראנזיט־וויזעס דורך דער סאָוויעטישער טעריטאָריע קיין אָדעס.

פארן פארלאָזן הוסיאטין האָבן די שליחים מיטגענומען גרויסן פאר קרובים אין א"י פון פאַלגנדיקע משפחות: ד"ר ישפה, ראָטבערג, פייקאָוויטש, בראנדעס, מענדל העכט, באדיאן, בליקשטיין, פאַפעל, באָמציע און משה'לע אלטשולער, ד"ר גאָלדשלאג, אייזנבערג, קלמן שפירא און יצחק ראמלער.

דעם 14־טן נאָוועמבער האָבן די א"י־בירגער פארלאָזט הוסיאטין. אן אויטאָ פון דער „רויטער ארמיי" האָט זיי אָפּגעפירט ביז קאמענעץ און פון דאָרט זענען זיי געפאָרן מיט דער באן קיין אָדעס, ווו זיי האָבן זיך פארשיפט קיין

ארץ־ישראל.

די געשיכטע פון זייערע וואנדערונגען און איבערלעבע־נישן איז באשריבן אין בוך, „בימי שואה — מפי שליחים ל„החלוץ"", ארויסגעגעבן שוין אין 1940 דורך דעם „קיבוץ המאוחד".

(די איבערגעגעבענע דאָ פרשה שטיצט זיך אויף דעם דערמאָנטן בוך, אויף א בריוו פון ל. לויטה צום מחבר פון די שורות און א פערזענלעך געשפרעך מיט אים, ווי אויך אויף דער גבית־עדות פון צפורה פעלדמאן, תל־אביב, ארכיוו פון מחבר).

* * *

כ'האלט פאר נייטיק איבערצוגעבן וועגן א פאקט, וואָס אילוסטרירט, ווי ווייט מיר זענען געווען נאיוו פארגלייבט אין דער סאָוו. פראָפאגאנדע.

אין די צייטן פון דער פוילישער הערשאפט האָט עקזיס־טירט אין הוסיאטין א מלוכה'שע פאָלקס־שול פון 7 קלאסן. ביי די סאָוויעטן אָבער איז גילטיק דער סיסטעם פון א 10 קלאסיקער שול, וואָס איז אויך כולל דעם קורס פון א מיטל־שול, ווי אונדזערס א גימנאזיע אָדער ליצעום. אן אביטוריענט פון אזא לערן־אנשטאלט איז בארעכטיקט אריינ־צוטרעטן אין אן אוניווערסיטעט אָדער אן אנדערע הויכשול.

וויסנדיק וועגן דעם, האָבן מיר, עטלעכע יידישע יוריסטן (ארבעטס־לאָזע, ווייל דאָס געריכט איז נאָך נישט געווען אָרגאניזירט) און לערערס, צוזאמען מיט אייניקע פוילישע

און אוקראַינישע, זיך צענויפגערעדט צו שאפן אויך דאָ א 10־קלאַסיקע שול[36]. אלס דירעקטאָר איז באשטימט געוואָרן דער אוקראַינישער גלח (!) ראטשענקאָ, א זייער אנ־שטענדיקער און פאַרגעשריטענער מענטש מיט א ווארעמער באציונג צו יידן. (פאר דער מלחמה האָט ער געהאנדלט מיט זיי, פארקויפט פראָדוקטן פון די פאראפיע־פעלדער און האָניק פון די פילע בינען־שטאָקן. אפּ־קולטור (בינען־צוכט) איז געווען זיין האָבי.

היות די קינדער פון דער שול זענען געווען יידישע (דער רוב), פוילישע און אוקראַאינישע און שטיצנדיק זיך אויף די לאָזונגען, אז „ביי אונדז זענען אלע נאציאָנאליטעטן גלייכבארעכטיקט", האָבן מיר אחוץ פויליש און אוקראַיניש, איינגעפירט אויך דעם לימוד פון דער יידישער שפּראך, אָבליגאטאָריש בלויז פאר דער גרופּע תלמידים. ס'איז אנ־געווענדעט געוואָרן דער אויסלייג מיט די רונדע סוף־אותיות לויטן מוסטער פון „עמעס" [37]. „סאָפּקאָלסאָפּ„ (סוף כל סוף, האָבן מיר דערגרייכט די גלייכבארעכטיקונג : אין דער הוסיאַטי־נער רעגירונגס־שול ווערט געלערנט יידיש עפּענטלעך אין קלאַס אין דער קעגנוואַרט פון די גויים!

די דאָזיקע אידיליע האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך א קורצער צייט איז אראָפּגעקומען א „דאָרטיקער", אן אוק־ראַינישער יונגער שייגעץ, אליין א האַלבער אנאלפאבעט, אָבער מיט א גרויסן יחוס... פון אן אקטיוון קאָמסאָמאָלעץ,

און דער האָט דאָס איבערגענומען די דירעקציע פון אונדזער שול.

דער גלח ראַטשענקאָ איז לכתחילה געוואָרן אראָפּגע־זעצט צו דער ראָל פון א פּארטרעטער און שפּעטער געגצלעך באַזייטיקט. דער לימוד פון מאמע־לשון איז תיכף אָפּגעשאפט געוואָרן. דער לערער פון דעם קעגנשטאנד (און פון נאָך אנדערע מאטעריעס), דער מחבר פון די שורות, איז פון אָנפאנג אָן ארייַנגעפאלן אין אומחן דעם נייעם דירעקטאָר און דורך אים שטארק פארפאָלגט געוואָרן, וואָרעם אחוץ דעם „חטא" פון א יידישן „שאָוויניסט" האָט ער געהאט אויף זיך נאָך עטלעכע „זינד": באקאנט אלס ציוניסטישער אקטיוויסט, א „בורזשואזנער" אדוואָקאט, זיין פרוי — אן אנטלאָפענע פון באָלשעוויסטישן רוסלאנד און איר גאנצע פאמיליע געפינט זיך אין דער קאפּיטאליסטישער אמעריקע, (זי איז טאקע איין מאָל א גאנצע נאכט געפּאָרשט געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד. [38]).

וועגן דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ און מענטאליטעט פון דעם אָנפירער פון אזא לערן־אנשטאלט זאָגט עדות דער דאָזיקער פאקט:

אחוץ די לימודים אין קלאס, האָט ער מיך באלאסטעט מיט דער פליכט אָנצופירן מיט א קורס פאר אנאלפאבעטן, „פריזיוואָניקעס" ד.ה. יינגען, וואָס דארפן גיין צו מיליטער־דינסט. אויך האָב דורכגעפירט א צענז פון די עווענטועלע תלמידים און אים פאָרגעלייגט די באטרעפנדיקע ליסטע.

ווען דער „אינטעליגענטער" דירעקטאָר האָט דאָרט דערזען דעם נאָמען פעלדמאַן (דאָס איז געווען פון א בלעכער־ארבעטער), האָט ער מיך געפרעגט: „עטאָ זאשט־שיטניק פעלדמאַן?" (דאָס איז דער אדוואָקאט פעלדמאַן?). דער נאָמען פון דר. פעלדמאַן איז אים ווארשיינלעך געווען באקאנט דערפאר, ווייל זיין הויז איז געוואָרן נאציאָנאַ־ליזירט און דאָרט האָט געוווינט דער ערשטער סעקרעטאָר פון דער פארטיי, דאָס מיינט די העכסטע אויטאָריטעט אין שטאָט און אין דער גאנצער געגנט.

איך האָב זיך נישט געקענט איינהאלטן און אים גע־ענטפערט: — „וואָס? אן אדוואָקאט אן אנאלפאבעט? וואָס פארא איינפאל? ביי אונדז האָט אן אדוואָקאט געמוזט האָבן אוניווערסיטארע בילדונג, ענדיקן דעם יורידישן פאַ־קולטעט".

ער איז אוועק א נאָך מער ברוגזער אויף מיר.

דער דאָזיקער „פעדאגאָג" האָט נישט געהאט קיין אנונג, וואָס איז מאטורע און וואָס אן אוניווערסיטעטס־דיפּלאָם. ווען איך האָב זיך אמאָל באקלאָגט, פארוואָס ער גיט מיר נישט קיין געהעריקע קעגנשטאנדן צו לערנען, גלייך מיט אנדערע לערער, וואָס האָבן בלויז מיטל־שול־בילדונג (נישט דווקא פעדאגאָגישע), האָט ער מיר געזאָגט מיט דער גאנצער תמימותדיקייט: — „נו, יאָ, יענע האָבן דאָך מאטורא"... פאר אים, זעט אויס, איז דאָס געווען דער העכסטער אטעסטאט פון בילדונג.

דער דירעקטאָר האָט מיך נישט געוואָלט באפרייען אין מיטן שול־יאָר און אליין זיך אָפּזאָגן האָט מען נישט געטאָרט, ס׳האָט געדראָט א הארבע שטראָף, האָב איך אזוי לײדנדיק דערצויגן ביז די וואקאציעס און דאן איבערגע־גאנגען צו דער ארבעט אין מיין אייגנטלעכער פּראָפעסיע, ווי אן אדוואָקאט, וואָרעם אין צווישנצייט האָט דאָס געריכט שוין אָנגעהויבן נאָרמאל צו פונקציאָנירן.

* * *

די יידן האָבן באלד פון אָנפאנג זיך צוגעפּאסט צו דעם נייעם רעזשים. הגם ס׳איז נישט געווען קיין אָפיציעלע פאראָרדענונגען, וואָס זאָלן באגרענעצן אָדער ענדערן דעם טראדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, האָבן אָבער די געשאפענע באדינגונגען און די גאנצע מלוכה־סטרוקטור גורם געווען במילא א ראדיקאלן איבערברוך אין יידישן לעבן אין אלע זיינע פאָרמען. די אָבליגאטאָרישע ארבעט שבת, יום־טוב, אפילו יום־כיפור, האָט אוממעגלעך געמאכט צו דאווענען בציבור. מען דארף אויך געדענקען, אז ס׳איז געווען פאָרויס־געררוקט דער זייגער מיט 2 שעה און יעדע ארבעט האָט זיך אָנגעפאנגען א זייגער 8 אין דערפרי לויט מאסקווער צייט, ד.ה. אייגנטלעך 6 אזייגער לויט דער לאָקאלער. ווי האָט מען דען זיך געקענט פארזאמלען אין מיטן נאכט צו א מנין. און בכלל זיך צענויפקומען אין א גרעסערער גרופּע? — ס׳האָט דאָך געשמעקט ממש מיט קאָנטער־רעוואָלוציע!

יעדע פארטיי־ אָדער געעזלשאפטלעכע ארבעט, האָט

זיך פון זיך אליין, אויטאָמאטיש אָפּגעשטעלט. די שרעק פאַר דער נ.ק.וו.ד. איז געווען אין לשער. מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אז ס׳איז א פרייהייט, וואָס שטיקט און ווארגט. קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן מאָרגן, מיטן פּאָסטן און מיט דער פרייהייט. אין יעדער אינסטיטוציע איז געווען אן „אויג״, וואָס האָט נאָכשפּיאָנירט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָצעסן קעגן אומשולדיקע מענטשן.

אויף יעדן ארבעטס־פּלאץ האָט עקזיסטירט דער סיסטעם פון פּלאנירונג און נאָרמע. ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט אזא סיסטעם אויך געהערשט אינעם אויספאָרשונגס־אמט פון קרימינעלע פארברעכנס. דער „סליעדאָוואטעל״ (אויספאָרשער) האָט געדארפט צושטעלן יעדן חודש א געוויסע צאָל „ספּראַוועס״ (ענינים) צום פּראָקוראָר און דער, פון זיין זייט צום געריכט. ווען ס׳האָט אויסגעפעלט „ארבעט״ צו דער „נאָרמע״, האָט מען „פּאברייצירט״... דער אויספאָרשער האָט „צוגעשניטן פּראָצעסן, ווי א פאָר הויזן צו דער „מאָס״ (אן אויטענטישער אויסדרוק פון אונדזער „חוקר ודורש״, א ייד פון קאָפּיטשינעץ, א געוו. וועשער, א קאָמוניסט — יאָ, ס׳איז טראגי־קאָמיש: פון א פּ ר א ל נ י ק איז ער איבערנאכט געוואָרן א פּ ר א ו ו נ י ק, יוריסט...).

מען באנוצט זיך מיט פּראָוואָקאציעס, מוסרים, פאלשע עדות — אלע מיטלען זענען כשר, אבי צו דערגרייכן און אפילו איבעריאָגן די „נאָרמע״ פון „באקעמפן די פארברע־

כערישקייט אין דעם געגעבענעם ראיאָן".

ווי און ביטער איז געווען דעם, וואָס איז אריינגעפאלן אין זייער נעץ. ס'איז שוין אומעגלעך געווען זיך ארויס־צופלאָנטערן פון איר גענצלעך אָן א שטראָף.

פאר אן אילוסטראציע עטלעכע ביישפילן: אין א מלוכה־רעסטאָראן איז געזעסן א גרופע דאָרפס־יוגנט און צווישן זיי א שטילער, גאנץ פיינער „שייגעץ", א זון פון אביסל א פארמעגלעכער משפחה. איינער פון דער „חברה", א קאָנפידענט, וואָס האָט זיך געוואָלט באווייזן מיט עפעס אן אויפטו, האָט אריינגעשטעקט א לעפל אין דער קעשענע פון זיין חבר, דעם רייכן בן־יחיד, און גלייך אים דענונצירט. פארשטייט זיך, מען האָט ביי אים די „גניבה" געפונען. ס'האָט ג'שט געהאָלפן קיין שום טענה פון דעם אָנגעקלאָגטן. דער „באווייז" איז דאָך געווען א קלאָרער... און כאָטש דער לעפל איז געווען פון דעם געמיינסטן סאָרט, פון אלומיניום און אויך אנדערע אומשטענדן האָבן געקענט איבערצייגן, אז ער איז דעם „פארברעכן" נישט באגאנגען, האָט זיך שוין דער אומשולדיקער געצאפלט אין דעם מאָנס־טעריעזן פלאָנטער.

אין נאָרמאלע באדינגונגען וואָלט זיך אזא סצענע פאר־וואנדלט אין א שפאס און זיך פארענדיקט מיט א הילכיק געלעכטער און יוגנטלעכער פריילעכקייט. דאָ אָבער האָט דער ענין געהאָט א זייער ביטערן סוף. דער אומגליקלעכער איז אויפן אָרט ארעסטירט געוואָרן, געשטעלט פארן געריכט

און באשטראָפט מיט טורמע פאר „צו אייגענען זיך מלוכה־פארמעגן"...

א צווייטער פאל: א מיטל־יעריקער ייד, דאכט זיך פאכמאן איז געווען זיין נאָמען, פון וואסילקאָווצע, האָט פארמאָגט א 20 העקטאר פעלד, האָט מען זיי קודם כל „נאציאָנאליזירט" און אים גערודפט אלס „קולאק". שפעטער, אויף עפעס א מסירה פון זיינס א געוועזענעם פאראָבעק (ארבעטער), איז ער געמשפט און פאראורטיילט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר פארשיקונג קיין סיביר.

איצט א פאקט מיט א בולטן אנטיסעמיטישן אונטערשלאג: א יידישע פרוי, א מאמע פון קליינע קינדער, איז געשטאנען אין אן „אָטשערעד" (ריי) נאָך א לאבן ברויט. די גויה׳ס האָבן זי געשטויסן און געשטופט פון אלע זייטן און פראָוואָ־צירט א קריגעריי. דער דיזשורנער מיליציאנט האָט זי ארעס־טירט, אלע האָבן עדות געזאָגט קעגן איר און זי איז פאר־אורטיילט געוואָרן אויף א יאָר טורמע פאר „כוליגאניזם אויף אן עפענטלעך אָרט".

און נאָך א מוסטער פון סאָוויעטישן יושר: אן אָרעם יינגל האָט בעת זיין ארבעט אין דער בעקעריי (פארשטייט זיך, אויך א שטאטלעכער, קיין פריוואטע אונטערנעמונגען האָבן דאָך נישט עקזיסטירט) אויפגעגעסן א זעמל, האָט מען אים געמסרט, געמאכט א פראָצעס און הארב באשטראָפט.

אָבער אין דער זעלבער צייט זענען פאָרגעקומען גרויסע גניבות און שווינדלערייען אין פארשידענע פלעצער. צענ־

דליקער זעק תבואה, מעל, צוקער, א.ד.גל. זענען ארויסגעפירט געוואָרן פון די מאגאזינען. מיט די פּראָדוקטן אָדער אָפּגע־לייזטן געלט האָבן זיך איינגעטיילט די „גדולים״, די די־רעקטאָרן, ס׳רוב קאָמוניסטן, זייערע פארטרעטער, סעקרע־טאָרן, בוכהאלטערס און אלע מיטהעלפערס. זיי צו דערגרייכן איז צו קורץ געווען די האנט פון דער גערעכטיקייט...

כמעט אין אלע אינסטיטוציעס, אויף אלע ארבעטס־פּלעצער זענען געמאכט געוואָרן פאלשע באריכטן. אויב ווער פון „אונדזערע״ איז נישט געווען געווינט דערצו און האָט אָפּגעגעבן אויפריכטיקע און אמתע דערקלערונגען, האָט מען אים נישט געגלייבט. אלע האָבן זיך באצויגן צו אלעמען מיט חשד.

דער כאבאר אין פארעם פון געלט און מתנות, באדינונג און מצד פרויען אויך פון פארווײַלונג... האָט געקענט עפענען א סך טירן.

ס׳האָט געהערשט קעגנזייטיקער אומצוטרוי. טאטעס האָבן מורא געהאט צו רעדן פאר זייערע אייגענע קינדער. האָט מען דאָך שוין אפילו מיטן קליינוואַרג אין „פּיאָנער״ (קינדער־אָרגאניזאציע) איינגעחזרט, אז סטאלין איז זייער פאָטער, סטאלין איז דער פאָטער פון אלע מענטשן, פון אלע פעלקער, און נאָר אים דארף מען פאָלגן.

די עקזיסטירנדיקע לאגע האָט מען גאנץ טרעפלעך בא־צייכנט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: אין סאָוויעטן־פאר־באנד פאָרן אלע מענטשן אין א וואגן. איין טייל זיצט און

א צווייטער טרייסלט זיך..., ווי אויך מיט דעם פּאָפּולערן געגראַמטן שפּריכוואָרט אין רוסיש: „קטאָ ניע ביל — בודיעט, א קטאָ ביל — ניע זאַבודיעט" (ווער ס'איז נאָך נישט געווען (אין תּפיסה) — וועט זיין, און ווער ס'איז שוין געווען — וועט נישט פאַרגעסן).

מען האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן, ווו ס'איז אויסגעשפּרייט די נעץ אויף אריינצופאַלן.

דערווייל איז דער מצב געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער. די לעבנס־מיטלען, צוגעגרייטע פאַר דער מלחמה, האָבן זיך גענומען אויסלאָזן. די גרויסע רעזערוון פון פאַרשידענע פּראָדוקטן, וואָס די רוסן האָבן אָנגעטראָפן, זענען דורך זיי מאַסנווייז ארויסגעפירט געוואָרן קיין מזרח. ס'פלעגן זיך פאָרמירן לאַנגע רייען פאַר יעדן „קאָאָפּעראַטיוו" (געשעפט) נאָך א ברייטל, א שטיקל זייף, אביסל נאַפט אז"וו.

(די אנטוישונג אין סאָוויעטישן רעזשים איז פּלאַסטיש אויסגעדרוקט געוואָרן אין פאָלגנדיקן וויץ: פראַגע: וואָס הייסט ס.ס.ס.ר.? — תשובה: ס'איז נישט געווען, ס'איז נישטאָ, ס'וועט נישט זיין, רעד דיר נישט איין...)

און וועגן נאַטאַרישן מאַנגל פון די נייטיקסטע לעבנס־מיטלען אפילו אין דער דאָרפישער ווירטשאַפט האָבן יידן אַזוי געשפּאַסט: ווען מען זאָגט כל, עסט מען נישט קיין ברויט: **כל חמירא** (פּסח), **כל** נידרי (יום כיפור) און... **כל־כאָז.**)[39]

ווער ס'האָט געהאַט קרובים אין אויסלאַנד, איז געוואָרן

פון זיי אָפּגעריסן. ס׳איז אפילו געווען א געפאר אויסצוזאָגן, אז מען האָט פאמיליע אין א קאפּיטאליסטיש לאנד, נישט צו ווערן פארדעכטיקט אין שפּיאָנאזש.

ס׳איז שווער געווען צו דולדן דעם איבערגעטריבענעם, חניפהדיקן פערזאָנען־קולט פון סטאלין. אויף יעדער פאָלקס־פארזאמלונג — די אסיסטענץ איז געווען אָבליגאטאָריש — פלעגט מען וויילן א פרעזידיום, וואָס איז באשטאנען קודם כל טאקע פון אים אליין, „דעם גרעסטן, דעם קלוגסטן, דעם פאָטערל פון אלע פעלקער״, דאן פון אלע אָן אויסנאם מיטג־לידער פון פּאָליט. ביורא און העכסטן סאָוויעט, די אלע, פארשטייט זיך, סימבאָליש. צו דעם האָט מען צוגעגעבן עטלעכע פון די ראשי המדברים און איינעם אָדער צוויי „אויטענטישע פאָרשטייער״ פון דער מאסע, פונעם פאָלק, מייסטנס די סאָציאל נידריקסטע עלעמענטן, למשל א גאסן־קערער, אן „אובאָרשטשיצע״ (רוימערן) אז״וו, וואָרעם וואָס ערגער ס׳איז געווען זייער ארבעטס־קאטעגאָריע, אלץ גרע־סער דער „פּראָלעטארישער״ יחוס.

די ליסטע פון די קאנדידאטן האָט פאָרגעלייגט איינער פון דער מאכט, פרעגנדיק: — „ווער איז דערפאר?״ — דער ענטפער איז געווען — הילכיקע אפּלויזן. ס׳קומט באלד א צווייטע פראגע: — „ווער איז קעגן?״ — א שטילקייט. ביים אויסרופן סטאלינס נאָמען הערן זיך גאָר לאנג דויערנ־דיקע אפּלאָדיסמענטן און היסטערישע קולות: „כאי זשיווע!״ (זאָל לעבן). דאָס נאָמינירן פון די אנדערע „גדולים״ ווערט

אויך באגלייט מיט הילכיקע, און פון די לאָקאלע פּאָלקס־פּארטרעטער — מיט קורצערע אפּלאָדיסמענטן.

א מענטש מיט א ביסל זעלבסטבאוווסטזיין און ערן־געפיל האָט נישט געקענט פארטראָגן אזא פּראָצעדור, אזא „עבודה זרה״... און מיטמאכן דאָס האָט מען געמוזט, ווייל ס׳זענען תמיד געווען אָנגעשטעלטע אויגן, וואָס האָבן אָבסערווירט און אויערן וואָס האָבן זיך אונטערגעהערט... מחמת דעם האָט מען געמוזט אכטונג געבן, אז דאָס פּאָפּולערסטע בוך „די געשיכטע פון דער וו.ק.פּ.(ב.)״ [40] פון סטאלין זאָל תמיד ליגן אויף אן אָנגעזעען אָרט אין אלע ביוראָען. יעדער איז דאָך מחויב געווען צו לייענען און לערנען די „ביבל״ פון דער נייער רעליגיע...

ס׳דארף באמערקט ווערן, אז שוין אין אָנפאנג פון דער סאָוויעטישער אָקופּאציע, זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין סיביר פּאָליאקן, פארדעכטיקטע אין נאציאָנאליזם. ריכטער, העכערע בעאמטע, אָפיצירן, בירגערמייסטערס און באקאנטע געעזלשאפטלעכע פּערזענלעכקייטן זענען, צוזאמען מיט זייערע פרוי׳ען, קינדער און אפילו קרובים, ארויסגעפירט געוואָרן אין איין נאכט פון גאנצן הוסיאטינער קרייז.

א צייט שפּעטער איז אן ענלעכע אָבלאווע געמאכט געוואָרן אויף אוקראַינישע נאציאָנאליסטן, פארדעכטיקטע אין קאָנטרא־רעוואָלוציע. זיי זענען פון הוסיאטין אָפּגעפירט געוואָרן אין פארשידענע טורמעס.

די אלע „פּרעווענטיווע״ אקציעס זענען אויסגעפירט גע־

וואָרן דורך אגענטן פון דער נ.ק.וו.ד. מיט דער הילף פון מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און אָנפירער פון רעגירונגס־אפּאראַט, ווי אויך פון די היימישע אקטיווע קאָלאבאָראַנטן מיט דער סאָוויעטישער מאכט.

עס זענען אויך דערגאנגען שמועות, אז פון פארשידענע שטעט זענען פארשיקט געוואָרן קיין סיביר א סך יידן, בעיקר פון די פוילישע „ביעזשענצעס" (פּליטים).

אין אָנבליק פון די געשעענישן, האָבן מיר מורא געהאַט, אז עס קען אויך קומען די ריי אויף יידן אין הוסיאַטין, אקטיווע ציוניסטן, רייכע און „נאַציאָנאַליזירטע", די אלע פארדעכטיקטע אלס קעגנער פון הערשנדיקן רעזשים. נישט איין נאכט בין איך נישט געשלאָפן, נאָר געזעסן אָנגעטאָן (און דאָס אין דאַפּלטע קליידער, ווי ווייט מעגלעך) מיט דעם מאנטל אין איין האנט און א רוקזאק מיט די נייטיקסטע זאכן אין דער צווייטער, גרייט אויף אלעם. די אויערן — אָנגעשפּיצט אויף יעדן שאָרך פון דרויסן...

* * *

אָבער ביי דעם אלעם, ווי שווער ס'איז געווען דאָס לעבן, ווי ביטער די אנטוישונג און ווי נמאס דער אזיאטישער און דיקטאטאָרישער רעזשים, געשטיצט אויף צביעות און פאלשקייט, אויף אונטערדריקונג און טעראָר, איז דאָך געווען א טרייסט, וואָס מען איז נישט אריינגעפאלן אין די לאַפּעס פון דער נאצישער בעסטיע. ס'האָט נאָך געטליעט א פונק פון האָפענונג, אז ס'וועט זיך ענדיקן די מלחמה (דאַמאָלס

צווישן דייטשלאנד און די אלאירטע) וועט אויך קומען עפּעס א לייזונג פאר די פארנומענע געביטן.

מען האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אז אזוי שנעל וועט קומען צו אן איבערברוך אין די פריינדלעכע באציונגען צווישן דעם דייטשן און רוסישן דיקטאטאָר.

אן איראָניע פונעם גורל: ווען די דייטשע אוויאָנען האָבן באָמבארדירט די באַן־סטאציע אין הוסיאטין, זענען דאָרט נאָך געשטאנען פארלאָדענע וואגאָנען מיט תבואות פון די אוקראאינישע פעלדער, וואָס האָבן געדארפט אָפּגיין קיין דייטשלאנד...

איז דאָך דער פּלוצימדיקער איבערפאל פון די נאצישע חיילות זונטיק, דעם 22־טן יוני 1941, געווען אן איבערראַ־שונג, ווי מען האָט שפּעטער איבערגעגעבן, אויך פאר סטאלינען אליין. צו די אינפאָרמאציעס און וואָרענונגען פון די אויסשפּיר־אָרגאנען וועגן דער צוגרייטונג פון דער „בארבאראָסא־אקציע״ (דער מארש אויף רוסלאנד) האָט זיך דער „קלוגסטער״ פירער נישט געוואָלט צוהערן. ער, וואָס האָט קיינעם נישט געטרויט, יעדן חושד געווען אין פאראט, האָט אָבער ווייטער געגלויבט בלויז איינעם אין דער גאנצער וועלט, זיינס גלייכן, דעם טיראן אדאָלף היטלער. (דאָס דאָזיקע ווערט אויך אזוי קינסטלעריש געשילדערט דורך דעם נאָבעל־פּרייז־טרעגער, אלעקסאנדער סאָלזשעניצין אין זיין בארימט ווערק „וו פּערוואָם קרוגיע״ אין ערשטן קרייז).

* * *

דעם טראגישן טאָג, ווען ס׳זענען געפאלן די ערשטע דייטשע באָמבעס אויף הוסיאטין, איז אנטשטאנען א פארש־טענדלעכע פאניק. דאָך האָט מען נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז די אזוי גערימטע „רויטע ארמיי״ וועט נישט באווייזן צו שטעלן אן עפעקטיוון ווידערשטאנד דעם שונא. אָבער מיט יעדן טאָג וואָס איז פארביי, זענען די דאָזיקע האָפענונגען אויסגערונען. ס׳האָט זיך געשאפן א געוואלדיקער כאאָס און בהלה. די פרויען און קינדער פון די פילע סאָוויעטישע אָנגעשטעלטע אין דער ערשטער ריי און נאָך זיי אויך די מענער, זענען מאסנווייז ארויסגעפירט געוואָרן קיין רוסלאנד. טאָג און נאכט האָבן זיך געצויגן אָן אויפהער, קאראוואנעס פון אויטאָס, מיליטערישע און ציווילע, פון קאָפיטשינעץ און אנדערע ערטער, דורך הוסיא־טין אין דער ריכטונג צו מזרח. אויך א קליינע צאָל יידן האָבן באוויזן צו אנטלויפן אויף דעם וועג.

ס׳איז אפשר א חידוש פארוואָס הוסיאטינער יידן זייענדיק אזוי נאָענט פון רוסלאנד, זענען נישט מאסנווייז אהין אנטלאָפן פאר דער אָנקומענדיקער נאצישער געפאַר.

לויט מיין באשיידענער מיינונג, זענען די סיבות געווען פאָלגנדיקע :

א) נישט יעדער האָט געהאט די מעגלעכקייט מיט־צופאָרן מיט די אויטאָס, וואָס זענען געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון די רוסישע ציווילע באמטע און זייערע משפחות, און וועלכע זענען אזוי אויך געווען איבערגעלאָדן

מיט מענטשן און פעק. די מיליטערישע לאסט־וועגענער, איבערפולטע און דערצו אין ריקצוג, זענען שנעל אדורך, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין שטאָט. מיט פערד און וואָגן איז אומעגלעך געווען צו פאָרן — מען האָט נישט געקאָנט באקומען פאר קיין שום געלט אזא געלעגנהייט.

ב) אין די ערשטע טעג פון ריקצוג האָבן די סאָלדאטן נישט אדורכגעלאָזט די ציווילע, וואָס האָבן געוואָלט צופוס אריבערגיין די גרענעץ און באין ברירה האָט מען זיך גע־מוזט אומקערן.

ג) אָנהייב יולי, ווען די גרענעץ איז מער נישט געווען באוואכט, איז דאָס אנטלויפן שוין געווען צוועקלאָז, צו שפעט. אין דעם בליציקן פאָרויסמארש האָט די דייטשע ארמיי פארפלייצט אוקראינע, אריינשטעכנדיק זיך מיט קלינעס און צוואנגען און דערגרייכט קאמענעץ. אזוי ארום איז נישט געווען קיין אויסזיכטן אויסצומיידן די געפאר. אויב שוין ארונטערפאלן אונטער דער ממשלה פון שונא, איז גלייכער ביי זיך אין דער היים, איידער אין דער פרעמד.

ד) אין הוסיאטין האָבן זיך אויפגעהאלטן עטלעכע מש־פחות, פליטים פון ווארשע; פלעגן זיי באקומען בריוו פון זייערע קרובים מיט באשרייבונגען פון גאנץ דערטרעג־לעכע באדינגונגען אין דאָרטיקן געטאָ און אויך עצות אהיים צו קומען. קיין „אקציעס" זענען נאָך דאמאָלס נישט געהאט פאָרגעקומען. א טייל פון זיי האָבן זיך אפילו רעגיסטרירט אויף אומצוקערן זיך אין זייערע היימען און

דערפאר ארויסגעפירט געוואָרן קיין סיביר. קיין מענטשלעכע פאנטאזיע האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אז ס׳וועט קומען אזא בארבארישע און טאָטאלע פארניכטונג. מען האָט גערעכנט, אז אין ערגסטן פאל וועט מען לעבן אין א געטאָ, שווער ארבעטן און אזוי וועט מען יאקאָש אויסהאלטן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, מן הסתם אין א קורצער צייט, און דאן וועט א׳יך געוויס געלייזט ווערן דאָס יידן־פראָבלעם.

ה) עטלעכע מענטשן, וואָס זענען שוין געהאָט אריבער די גרענעץ און דערגאנגען ביז טשעמעראָוועץ און נאָך ווייטער, האָבן זיך צוריק געקערט, וואָרעם זיי האָבן נישט געהאט די מעגלעכקייט אפילו פאר גוט געלט צו באקומען א שטיקל ברויט און אביסל וואסער. צווישן די דאָזיקע איז אויך געווען א קאָפּיטשינעצער ייד, מיטן נאָמען שפירא, א דעקלארירטער קאָמוניסט מיט א „פארטיי־ביכל״. נאָך אזעלכע גרוסן, איז שווער געווען צו באשליסן, זיך צו לאָזן אין אזא געפערלעכן וועג.

ו) אחוץ דעם זענען געווען נאָך פארשידענע מניעות: די גוט באקאנטע משפחה־צוגעבונדנקייט ביי יידן; מען האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן אן אלטע מאמע אָדער א קראנקן פאמיליען־מיטגליד, און אויך נישט אויף הפקר דאָס ביסל „האָב און גוטס״, אין דער האָפענונג, אז ס׳וועט זיך איינגעבן עס צו באשיצן „עד שיעבור זעם״.

אנדערע ווידער האָבן נישט געהאט קיין מיטלען און

מיט ליידיקע הענט נישט געקענט זיך לאָזן אויף נע ונד.

מחמת דער אָדער יענער סיבה איז כמעט די גאנצע עדה הוסיאטינער יידן געבליבן אויפן אָרט, הילפלאָז, באין עצה ותבונה, נאָר קוים מיט א שוואכן שיין פון בטחון: „אולי ירחם״?!...

קאַפּיטל פינף

די כראָניק פון חורבן (1941—1944)

1. הוסיאטין

שבת, דעם 5־טן יולי 1941, האָט די דייטשע ארמיי מיט דער ס.ס. בראש פארנומען כאָראָסטקאָוו (18 ק״מ פון קאָפּיטשינצע) און באלד דאָרט דערשאָסן א 13 יידן. (אנ־דערע גיבן אָן די צאָל 20—19 נפשות) [41].

פון דאָרט האָבן זיי געשטראָמט אין דער ריכטונג פון טייך זברוטש.

זונטיק פארטאָג, דעם 6־טן יולי (י״א תמוז תש״א), זענען די דייטשן אריין קיין הוסיאטין. ס'האָט זיך אנטוויקלט א העפטיקער קאמף מיט דער אָפּטרעטנדיקער רוסישער ארמיי, וואָס האָט ביים זברוטש געשטעלט א ווידערשטאנד. די צעווילדעוועטע ס.ס.־לייט האָבן דעם זעלבן טאָג אויס־געהרגעט כמעט אלע יידן, מאנסבילן, עלטערע פון 10 יאָר, צוזאמען בערך 135. לויט אן עדותשאפט פון ד״ר איזידאָר ישפה האָט די צאָל באטראָפן ביי די 200 און

אויסצוג פון טאג־בוך פון מחבר

קטע מיומנו של המחבו

די מאָרדן האָבן אָנגעהאַלטן דריי טעג [42]. די יידן זענען געווען געצוואונגען אליין צו גראָבן די קברים, טאטעס האָבן באַגראָבן זייערע אייגענע קינדער און פאַרקערט. די שחיטות זענען פאָרגעקומען אויסער דער שטאָט און אויפן רבינס הויף [43]. בשעת מעשה האָבן די דייטשן פאַרברענט דאָס רוב יידישע הייזער און די באַרימטע היסטאָרישע שול.

דעם צווייטן טאָג, מאָנטיק דעם 7־טן יולי, זענען די נאַציסטישע מערדער אריין אין די שטיבער פון אביגדור האָפריכטער און יעקב בראַנדעס, ארויסגעטריבן אלע, וואָס זענען דאָרט געזעסן אין די קעלערס, באַפוילן זיך אויס־צושטעלן אין א ריי און מיט מאַשין־געווער אויסגעשאָסן איינעם נאָכן אנדערן. דאַן האָבן זיי פאַרברענט די בנינים מיט אלעם, וואָס ס'איז דאָרט געווען. ביי בראַנדעסן אין הויז האָבן זיך דאַמאָלס געפונען אחוץ זיין משפחה, אויך פיפע, די טאָכטער פון נחמיה גינזבערג און פרוי פונעם מחבר פון די שורות מיט זיין 13־יעריק שוועסטערל קלארא, די שכנותדיקע פאַמיליע קופּפערבערג און נאָך מענטשן, צוזאַמען 14 פערזאָן.

ווען דער אויטאָר פון דער דאָזיקער כראָניק איז אין א צוויי וואָכן ארום נאָך די טראַגישע געשעענישן געקומען קיין הוסיאטין, האָט ער נאָך אָנגעטראָפן די בלוט־פלעקן אויף דער שטיינערנער שוועל ביים אריינגאַנג — דאָס אלץ, וואָס ס'איז געבליבן פון דעם גאַנצן הויז.

די אלע דערמאָרדעטע זענען באַגראָבן געוואָרן דורך גוישע שכנים אין א ברודער־קבר אויפֿן דערבייאיקן גאָרטן. דער איינציקער לעבן־געבליבענער עדות פון דער שוידער־לעכער מאסאקרע, דאָס עלטערע מיידעלע פון די בראנדעסעס, האָט אליין נישט געקענט דערקלערן, ווי אזוי איז דאָס געשען, וואָס די קוילן האָבן זי אויסגעמיטן. זי האָט זיך נאָך געפֿונען אונטערן איינדרוק פון דעם אויסטערלישן שאָק און ס׳איז שווער געווען עפּעס מער פון איר ארויס־צובאקומען.

צו יענער צייט האָט זיך ווידער אנטפּלעקט די הומאנע באַציונג צו די יידן מצד דעם שוין פֿריער דערמאָנטן, מוטיקן און נאָבעלען גלח ראטשענקאָ. ער האָט ביי זיך אויסבאהאלטן א פּאָר יידן בשעת דער הריגה און אויך עפּענטלעך, פון דער אמבאָנע אין קלויסטער, גערופֿן זיינע גלוביקע נישט צו טון קיין שלעכטס די יידישע שכנים. ליידער אָבער האָבן זיינע פּאסטאָראלע ווערטער, אין אלגע־מיין נישט געהאָט קיין ווירקונג. עס זענען געווען בלויז געציילטע פאלן פון הילף פאר די גערודפטע יידן. דער אוקראַינישער אדוואָקאט ד״ר סעראפין האָט דערמעגלעכט דער יונגעטשקער סאבינא באַדיאַן צו בלייבן לעבן און דער אוקראַינישער מעדיקער מאלינאָווסקי, א פּאך־קאָלעגע פון דעם באקאנטן און פּרעסטיזשפולן דאָקטאָר איזידאָר ישפה, האָט אים איינגעאָרדנט אויף ארבעט אין זיין שפּיטאָל און אויך געהאָלפן זיין פאמיליע.

דאקעגן האָט דער רוב פון דער אוקראַינישער באַ־פעלקערונג אין בעסטן פאל זיך פאַרהאַלטן גלייכגילטיק צו די יידישע ליידן. אָבער גאָר ברוטאַל האָט זיך אויפ־געפירט די געשאַפענע אוקראַינישע מיליץ „סיטש", וואָס איז אגב, מיינסטנס באַשטאַנען פון די זעלבע שקצים, וועלכע האָבן ערשט נעכטן אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אייפערדיק געדינט דעם דאַזיקן רעזשים, ווי געהיים־אַגענטן און מוסרים.

אין הוסיאַטין זענען נאָך דאַמאָלס געבליבן לעבן נאָר די געציילטע מענער, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין די שכנותדיקע דערפער. אויסער דעם, איז שוין אין דער גאַנצער שטאָט מער נישט געווען קיין טאַטע, קיין זון, קיין ברודער, קיין מאַן. די איבערגעבליבענע אלמנות און יתומות זענען געשלעפּט געוואָרן צו שווערע און ברודיקע אַרבעטן.

צען מענער פון די, וואָס זענען ניצול געוואָרן בשעת דער גרויסער הריגה, האָבן געאַרבעט אין א.ג. „נאַכשוב לאַגער" פון דער „לופטבאַוקאָממאַנדאָ קיעוו" ביי דער הוסיאַטינער באַן־סטאַציע. נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם דאַזיקן זענען א טייל אַריבער אין א צווייטן לאַגער אין דאָרף לוסקי, ווו זיי זענען געווען באַשעפטיקט ביי פעלד־אַרבעט אין אויסערסט שווערע באַדינגונגען; איינצעלנע פון זיי זענען געבליבן לעבן.

אין אויגוסט איז געשאַפן געוואָרן א יודנראַט מיט

שייקע לאנגער אלס „עלטעסטער״. דער דאָזיקער פּשוטער פאַלקס־מענטש איז, לויט דער מיינונג פון ד״ר ישפה, געווען אן אָרנטלעכער [44].

מערץ 1942 האָבן אלע פארבליבענע יידן פון הוסיאטין און אומגעגנט געמוזט פארלאָזן זייערע היימען און אויס־וואנדערן קיין פראָבוזשנע. א טייל איז גלייך אריבער קיין קאָפּיטשינעץ, אנדערע זענען אביסל שפּעטער צוזאַמען מיט די פראָבוזשנער איבערגעפירט געוואָרן אין דעם דאָזיקן צענטראלן געטאָ פון פּאַוויאַט. דאָרט אהין איז אויך געקומען שייקע לאנגער מיט זיין פרוי, טאָכטער און איידעם ישראל זאָמערשטיין.

דער דאמאָלסדיקער „יודענלטעסטער״ פון קאָפּיטשינעץ, הערמאן ראָלער, האָט לאנגערן אויפגענומען ווי א „פאַך־קאָלעגע״ און אים נאָמינירט, דעצעמבער 1942, אלס זיין פארטרעטער.

א קורצע צייט נאָך דעם איז ראָלער פלוצים אריינגעפאלן אין אומחן ביי דער געסטאפּאָ און באזייטיקט געוואָרן פון זיין אמט. אויף זיין אָרט איז באשטימט געוואָרן שייקע לאנגער. אָבער עס האָט נישט לאנג געדויערט און ער איז ארויסגערופן געוואָרן אין דער געסטאפּאָ פון טשאָרטקאָוו, ווו ער איז אומגעבראכט געוואָרן אויף א שוידערלעכן אופן: אָנגערייצטע הינט האָבן אים צעריסן אויף שטיקער. ראָלער איז רעהאביליטירט און ווידער באשטימט געוואָרן ווי דער ראש פון דער קאָפּיטשיניצער עדה.

ס'איז געווען א חשד, אז דאָס האָט ער געמסרט זיין געוועזענעם קאָנקורענט, וועלכער האָט אים געזאָלט פריער האָבן פאַראַטן.

היות אונדזערע ברידער פון הוסיאטין האָבן פון איצט אָן געטיילט דעם גורל פון די יידן אין קאָפּיטשינעץ, וועלן מיר אויך איבערגעבן כראָנאָלאָגיש די געשעענישן אין דער דאָזיקער שטאָט.

2. קאָפּיטשינצע

א) קורצער היסטאָרישער אריינפיר

די קרייז־שטאָט קאָפּיטשינצע (יידיש: קאָפּיטשינעץ) ליגט ביים טייך ניטשלאווא (Niczlawa), א 25 ק״מ פון הוסיאטין, 18 ק״מ פון כאָראָסטקאָוו, 16 ק״מ פון דער גרעסערער שטאָט טשאָרטקאָוו און איז אויך פארבונדן מיטן טראקט טרעמ־באָוולא. אמאָל האָט די שטאָט קאָפּיטשינצע טאקע געהערט צום טרעמבאָוולער פאָוויאט און אין אנדערע צייטן צום הוסיאטינער קרייז. קאָפּיטשינעץ האָט פארמאָגט א באפעס־טיקטן שלאָס, וואָס האָט אויסגעהאלטן מערערע באלאגערונגען איז אטאקעס פון די טערקן און טאָטערן [45].

שוין אין 16־טן יאָרהונדערט איז קאָפּיטשינעץ געווען פארבונדן מיט דעם האנדלס־וועג, וואָס האָט געפירט פון לעמבערג אויף מזרח און דרום־מזרח קיין טשאָרטקאָוו, זאלעשטשיקי טשערנאָוויץ (בוקאווינע — אמאָל עסטרייך,

שפעטער רומעניע, היינט סאָוויעט. אוקראַינע) און ווייטער [46].

קאַפּיטשינעץ, ווי א טייל פון גאַליציע, האָט געהערט צו עסטרייך.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1914 האָט קאַפּיטשינעץ געהאט מער מזל, ווי הוסיאַטין. אוודאי האָט מען אויך דאָרט, ווי איבעראַל, געפּלינדערט און געגזלט, רעקווירירט דירות און זאכן, געטריבן צו פאַרשידענע אַרבעטן אפילו אלטע און קראַנקע יידן, אויך אין שבת און יום־טוב, שלאָגנדיק דערביי מיט די נאַהייקעס. אָבער אין אַלגעמיין האָט דאָ די רוסישע אינוואַזיע נישט געמאכט אַזא חורבן ווי אין דער שכנותדיקער הוסיאַטין.

די קאַפּיטשינעצער איינוווינער, ווי געטרייע עסטרייכישע פּאַטריאָטן, האָבן פיינט געהאט די צאַרישע „מאָסקאַלעס" (רוסן) און האָבן גיכער געוואָלט אַריינוואַרפן זייערע זיל־בערנע און מעשענע כלים אין טייך אַריין, איידער די רוסן זאָלן זיי צונעמען.

ווען די רוסישע אַרמיי האָט אָקופּירט די שטאָט, זענען די דאָרטיקע יידן זיך נישט צעלאָפן. נאָר דער באַקאַנטער אדמו"ר, דער רבי ר' יצחק מאיר העשל, ווי שוין דערמאָנט, איז באַצייטנס אוועק קיין ווין צוזאַמען מיט זיין הויז־געזונט, מקורבים און עטלעכע רייכערע יידן.

די רוסן פלעגן כמעט פון יעדער אָקופּירטער שטאָט אַרויספירן עטלעכע יידן ווי „זאַקלאַדניקעס" (ערובניקעס) קיין סיביר, כדי אָפּצושרעקן די איבערגעבליבענע, זיי זאָלן

געהארכזאם און געטריי דערפילן זייערע אלע פאָדערונגען. אזוי זענען פון קאָפּיטשינעץ דעפּאָרטירט געוואָרן די דריי פון די שענסטע באַלעבאַטים: דער שטאָט־רב, דער רייכסטער סוחר און ר׳ יוסף לוביאַניקער. זיי זענען פארוואָגלט געוואָרן אזש ביז צו דער אַזיערע באיקאל ביי דער כינעזישער גרע־נעץ [47]. (א טייל פון די פארטריבענע, ווי שוין דערמאָנט, זענען אין 1916 צוריקגעשיקט געוואָרן קיין גאליציע).

אָבער בכלל איז דאָס יידישע לעבן נישט געשטערט געוואָרן און ס׳איז דאָ געווען פאר־עלטנישמעסיק רואיק. דעריבער זענען אהער געקומען א סך פּליטים פון די שכנותדיקע ישובים: סקאלא, זאלעשטשיקי, און פון אנדערע ערטער, פון וועלכע מ׳האָט די יידן ארויסגעיאָגט. אחוץ דעם, ווי שוין געזאָגט, האָבן אין קאָפּיטשינעץ געפונען א מקום מקלט א סך פּליטים פון הוסיאטין.

אין קאָפּיטשינעץ איז געבליבן אומבאשעדיקט די שיינע שול ווי אויך עטלעכע בתי־מדרשים און „שטיבלעך". די צאָל יידן האָט באטראָפן 7—8 טויזנט אויף 10 טויזנט איינוווינער בכלל.

ווי אין די מיינסטע גאליצישע שטעטלעך, איז אויך אין קאָפּיטשינצע דער רוב יידן געווען אָרעם. ווען נישט די הילפס־קאָמיטעטן פון קיעוו און פעטערבורג (דער א.ג. „סאָיוז") וואָלטן זיי ממש אויסגעגאנגען פון הונגער. די פאָר־שטייער פון די קאָמיטעטן, ד״ר לאנדער, האָמעלסקי און דער באקאנטער שרייבער און דראמאטורג אנ־סקי, האָבן געארבעט



דעם רבינס הויף אין קאָפּיטשינצע
חצר האדמו"ר בקופיצ'ינצה

מיט מסירות־נפש און געטון אלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך געווען, בכדי דאָס געלט, דיביישטייערונגען פון די רוסישע יידן, זאָלן אָנקומען אין די ריכטיקע הענט.

* * *

פרילינג 1916 האָט זיך אין קאַפּיטשינעץ אויפגעהאלטן, ווי אויבן געזאָגט, דער גרויספירשט מיכאיל אלעקסאנדראָוויטש, דער ברודער פון דאמאָלסדיקן צאַר ניקאָליי דעם צווייטן, מיט זיין סוויטע. ס׳איז דאָרט טעטיק געווען א גרויס מיליטעריש שפּיטאָל, אין וועלכן ס׳האָט א געוויסע צייט אויך געארבעט, זייענדיק אין מיליטערישן דינסט, דער באקאנטער יידישער מעדיקער און שרייבער ד״ר גרשון לעווין פון ווארשע, וועמען מיר האָבן טאקע צו פארדאנקען די שילדערונג פון יענע געשעענישן[48]. ער איז אהין געשיקט געוואָרן דורך דער סאניטארער אָפּטיילונג פון שטאב, כדי צו פארטרעטן דעם הויפּט־דאָקטער, וועלכער איז געווען קראנק אויף פלעק־טיפוס און טאקע קורץ נאָך דעם גע־שטאָרבן. אין זיין טויט — דערציילט ווייטער ד״ר לעווין — האָבן סיי יידן, סיי קריסטן געזען א שטראָף פון גאָט דערפאר, ווייל ער האָט דערלויבט צו פארשווועכן דעם גאַר אלטן בית־הקברות, וואָס איז געלעגן אין שכנות פון דער פאָלקס־שול, ווו ס׳איז געווען איינגעאָרדנט דער שפּיטאָל. זיינע סאניטארן האָבן ארויסגעשלעפּט מצבות און מיט זיי אויסברוקירט דעם גרויסן הויף פון דעם בית־החולים און די ארומיקע געסלעך.

ד״ר גרשון לעווין האָט זיך שטארק באפריינדעט מיט דעם שטעטישן מעדיקער און געזעלשאפטלעכן עסקן ד״ר ראָזענבוים, ביי וועלכן ער איז געוואָרן א יוצא ונכנס. ד״ר לעווין האָט זיך אָפּגעגעבן נישט נאָר מיט זיין ארבעט אלס ארצט און אדמיניסטראטאָר פון שפיטאָל, נייערט אויך מיט כלל־זאכן פון דעם יידישן ישוב אין קאָפּיטשינצע. ער האָט באזוכט קראנקע און געגעבן מעדיצינישע און מאטעריעלע הילף. פאר זיינע צו נאָענטע קאָנטאקטן מיט די יידן איז ער טאקע אָפּגערופן און איבערגעפירט געוואָרן אויף א צווייט אָרט.

* * *

אָנפאנג נאָוועמבער 1918, ווען ס׳איז זיך צעפאלן די עסטרייך־אונגארישע מאָנארכיע, האָט קאָפּיטשינעץ, אזוי ווי גאנץ גאליציע, אדורכגעמאכט קודם די אוקראינישע הער־שאפט, וואָס איז געווען באגלייט מיט רויב און גזילה, הויפטזעכלעך בעת די מארשן און ריקצוגן פון די פארשידענע קאָזאקיש־אוקראינישע באנדעס.

אויך די אלגעמיינע עקאָנאָמישע לאגע איז געווען א זייער שלעכטע. אין קאָנסעקווענץ פון דער מלחמה במשך פון פיר יאָר, זענען די פעלדער געלעגן פאָרוויסטע, נישט באארבעטע — די פויערים זענען געווען מאָביליזירט, פריער אין דער עסטרייכישער, און דאן אין דער אוקראינישער ארמיי. דער אינווענטאר, די פערד און וואָגן — רעקווירירט. ס׳האָט זיך געפילט א שטארקער מאנגל אין פראָדוקטן פון

ערשטן געברויך. דער האנדל איז גענצלעך פאראליזירט גע־וואָרן אויך מחמת פעלן פון טראנספּאָרט־מיטלען און דעם אלגעמיינעם כאאָס. די, אונטער דראָונגען, איינגעפירטע אוק־ראינישע וועריטלאָזע וואלוטע — קארבאָוואנצעס און הרי־ווענצעס — האָבן נאָך מער פארגרעסערט די אָרעמקייט פון די יידן.

צו יענער צייט האָבן די יידן אין קאָפּיטשינעץ געלעבט אין גרויסער שרעק, בפרט בעת דער סטאציאָנירונג פון פעטליורא און זיינע באנדעס. די ידיעות וועגן זייערע פּאָגראָמען איבער די יידן אין דער אוקראינע זענען שוין געהאט דערגאנגען אויך קיין קאָפּיטשינעץ. דער בלוטיקער אוקראינישער העטמאן מיט זיין שטאב זענען אָנגעקומען אין שטאָט און באלד געפאָדערט, אים צו צושטעלן במשך פון איין נאכט א גרויסן סכום שפּייז־פּראָדוקטן, שטיוול אד"גל, אין קעגנטייל — וועט ער „דערלויבן זיינע מענטשן צו מאכן פריילעך"... די יידן האָבן בשום אופן נישט געקענט נאָכקומען די איבערגעטריבענע פאָדערונגען, און היות זיי האָבן זיך געריכט, אז די פּוילישע ארמיי וועט אין קורצן דעראָבערן די שטאָט, האָבן זיי פארלאָזט די הייזער און זיך באהאלטן אויף די פעלדער ביז פעטליורא מיט זיין מיליטער איז אוועק. אָבער פריער האָבן די ווילדע קאָזאקן אויסגעפירט רויבערייען אין עטלעכע יידישע הייזער, פאר־גוואלדיקט צוויי פרויען [49], און דערמאָרדעט דעם הוסיאטינער שוחט ר' הערשעלע.

* * *

נאָך א קורצער צייט האָבן די פּאָליאקן זיך צוריקגעצויגן און עס זענען אריין די באָלשעוויקעס. אלס מושל איבערן קרייז איז נאָמינירט געוואָרן חיים שפּערלינג, דער ברודער פון דעם כאַראַסטקאָווער בחור, וואָס איז אלט זייענדיק 16 יאָר אוועק קיין רוסלאנד און איצט צוריקגעקומען ווי א גענעראל אין שפּיץ פון אן אָפּטיילונג פון דער „רויטער ארמיי" און געוואָרן מיליטערישער פּארוואלטער פון זיין היים־שטאָט [50].

די פּארוואלטונג פון דער קהילה איז אויפגעלעזט געוואָרן און אויף איר אָרט זענען באשטימט געוואָרן עטלעכע יידן פון דער „אונטער־וועלט", וואָס זענען דורך דער מאכט באטראכט געוואָרן ווי די אמתע „פּראָלעטאריער". עטלעכע פון די פריערדיקע עסקנים, צווישן זיי, זעליג לוביאניקער (היינט לבון) זענען פארורטיילט געוואָרן דורך א רעוואָלוציאָנערן געריכט אויף 15 יאָר „קאטאָרזשנע" ארבעט אין די קוילן־גרובנס אין דאָן־באַס (געגנט פון טייך דאָן). אלס ראש־הקהל איז נאָמינירט געוואָרן לייב יאבנע׳ס (קיינער האָט אים נישט גערופן ביי זיין פאמיליע־נאָמען!). דאָס איז געווען א פּרימיטיווער מענטש, כמעט אן אנאלפאבעט, האָט ער אויסגעפּועלט די באפרייונג פון זעליגן מיט דעם באדינג, ער זאָל אים דינען געטריי אלס זיין סעקרעטאָר און געהילף אין דער אָנפירונג פון דער קהילה.

* * *

אין 1920 האָבן די באָלשעוויקעס געמוזט פאַרלאָזן קאָפּיטשינצע און עס זענען ווידער אריין די פּאָליאַקן. דאָס זענען געוועזן די טרויעריק־בארימטע חיילות פון גענעראַל האלער, וואָס האָבן געשניטן די בערד און פּאות ביי ייִדן און בכלל זיך איזדיעקעוועט איבער זיי.

אין דער, נאָך 150 יאָר, אויפסניי אויפגעשטאַנענער פּוילישער מלוכה האָבן די הערשער אין אלגעמיין זיך באַצויגן צו די ייִדן מיט שנאה און אומצוטרוי אויך מחמת זייער כלומרשטער קאָלאַבאָראַציע מיט דעם קאָמוניסטישן רעזשים. עס זענען טאַקע געווען א טייל ייִדן, בעיקר פון די אָרעמע שיכטן, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקן, זע־ענדיק אין זיי די דערלייזער פון דער מאַטעריעלער נויט, באַפרייער פון פּאָליטישער אונטערדריקונג און רעטער פון פּאָגראָמען מצד די אוקראַינער און זייערע שותפים, די קאָ־זאַקן און טשערקעסן.

אָבער די נייע מושלים פון פוילן האָבן עס אנדערש פאַרשטאַנען, אָדער געוואָלט פאַרשטיין. פאַר זיי זענען אלע ייִדן געווען קאָמוניסטן. צו די אלע „חטאים”, וואָס זענען צוגעשריבן געוואָרן דעם ייִדישן פאָלק במשך פון דורות, איז איצט צוגעקומען נאָך איין „חטא” : „זשידאָ־קאָמונא”, דאָס הייסט : א ייד און א קאָמוניסט איז איינס און דאָס זעלבע.

די געשאַפענע לאַגע און די דערוואַכטע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָבן באַוויגן די ייִדישע יוגנט צו זוכן אַן

אויסוועג אין עמיגראַציע בכלל און אין עליה קיין ארץ־ישראל בפרט.

אין קאַפּיטשינעץ האָט זיך דאַמאָלס שטאַרק אַנטוויקלט די ציוניסטישע באַוועגונג מיט אַלע אירע פּאַרטייען און שטרעמונגען, ווי אויך די אָרגאַניזאַציע פון „החלוץ". היות די דאָזיקע שטאָט איז געלעגן נאָענט פון דער רוסישער גרענעץ, האָט זי געדינט ווי אַ וויכטיקער טראַנזיט־פּונקט פאַר די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון ראַטן־פאַרבאַנד. ס'איז אפילו איינגעשטעלט געוואָרן אַ פּאַלעסטינע (א״י) — אַמט אונטער דער לייטונג פון זעליג לוביאַניקער, וואָס איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער איבערפירונג פון די יידן פון דער גרענעץ־זאָנע און זייער ווייטערדיקן טראַנס־פּאָרט קיין א״י [51].

די לאַגע פון די יידן אין קאַפּיטשינצע — אונטער דער פּוילישער הערשאַפט ביז 1939 איז געווען אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין מדינת־פּוילן, אָבער דאָך אַ בעסערע אין פאַרגלייך מיט הוסיאַטין, וואָרעם אין קאַפּי־טשינעץ האָבן נישט עקזיסטירט די אויסנעם־געזעצן פאַר אַ גרענעץ־זאָנע, ווי אין דער שטאָט ביים זברוטש. קאַפּי־טשינעץ האָט דעריבער געהאַט מער מעגלעכקייטן פון אַנט־וויקלונג. די באַפעלקערונג אין אַלגעמיין און די יידישע בפרט האָט זיך פאַרגרעסערט. די צאָל יידן אין 1931 האָט באַטראָפן 2592 און פאַר דער מלחמה — ביי אַ 3000 נפשות [52].

דער מצב פון די קאַפּיטשינעצער יידן אונטער דעם

סאָוויעטישן רעזשים (1939—1941) איז געווען ענלעך, ווי אין הוסיאטין און אנדערע אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך.

ב) פּיין און אומקום

זונטיק, דעם 6־טן יולי 1941, זייגער 3 נ.מ. האָבן זיך באוויזן די ערשטע דייטשע טאנקען און מאָטאָציקלען אויף די קאָפּיטשיניצער גאסן. נאָך זיי האָבן זיך געצויגן אָן אויפהער במשך פון עטלעכע טעג גרויסע מחנות פון פאַר־שידענע מיילטערישע פאָרמאציעס, נישט אָנטרעפנדיק קיין שום ווידערשטאנד.

דער ארייננמארש פון דעם דייטשן מיליטער איז פאַר קיינעם נישט געווען קיין איבעראַשונג. שוין א טאָג פריער איז נישט געהאט פארבליבן קיין סאָוויעטישער זעלנער, אחוץ עטלעכע מארודערן, וואָס האָבן אויסגענוצט די לאגע און געפּרווט רויבן ביי יידן. ס'האָבן זיך דאן געוואלגערט אויף די גאסן צעריסענע ביכער — סאָוו. ליטעראטור, די בילדער פון די קאָמוניסטישע גדולים, פּאפּירן פון די פאַר־לאָזטע ביוראָען, וואָס מ'האָט נישט באוויזן צו פארברענען. עס האָט געהערשט א צושטאנד פון „לית דין ולית דיין", נישט געווען קיין שום מאכט.

בשעת דעם ארייננטריט פון די דייטשע מיליטערישע כוחות זענען די יידן געזעסן אין די היימען אין א זייער געדריקטער שטימונג און אנגסטלעכער דערוואַרטונג. דאקעגן האָבן אוקראַינישע שקצים און שיקסעס אין די יום־טובדיקע

קליידער (ס׳איז דאָך אויך געווען זונטיק), מ׳ט נאַצישע און זייערע נאַציאָנאַלע פענדלעך, מיט בלומען און טראַנספּאַ־רענטן זיך אויסגעשטעלט אין א שפּאַליער און אן אוקראַי־נישער מעדיקער, ערשט נעכטן נאָך דער סאָוו. קרייז־דאָקטאָר און אקטיווער קאָלאַבאָראַנט, איז איצט אַרויסגעטרעטן מיט א פייערלעכער באַגריסונג.

באַלד דעם ערשטן טאָג איז אן ס.ס.־מאַן אריין אין הויז פון אברהם אהרון האַליטשער, געוו. לעדער־סוחר, און אָן א שום סיבה אים דערשאָסן.

שוין דעם זעלבן טאָג האָבן שקצים פון דער אוקר. נאַציאָנאַלער מיליץ „סיטש" אַרויסגעשלעפּט 50 יידן, מענער און פרויען צו רייניקן די פאַרלאָזטע עפנטלעכע ביוראָען. די אַרבעט האָט מען געמוזט מאַכן מיט די בלויזע הענט, אָן די געהעריקע מכשירים. דאָס כאַפּן יידן צו אַרבעט איז געוואָרן א נאָרמאַלע דערשיינונג.

אין די ערשטע טעג זענען, אויף א מסירה פון די אוקראַינער, דערשאָסן געוואָרן 8 קאַפּיטשניצער יידן, דע־רונטער 7 באַשולדיקטע אין קאָמוניסטישער טעטיקייט. צווישן זיי איז געווען דער שוין פריער דערמאָנטער שפּירא, דער שניידער וואַלאך, יהושע ראָזענטאַל און אַדוואָקאַט הענריק אַנדערמאַן. דעם זעלבן טראַגישן גורל האָבן אויך געטיילט 21 יידן, סאָוויעטישע געפאַנגענע.

שבת, דעם 12־טן יולי, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די גזירה, אַז אַלע יידן, מענער, פרויען און קינדער, עלטערע

פון 10 יאָר, זענען מחוייב צו טראָגן אויפן רעכטן ארבל פון יערן מלבוש א בלויען מגן־דוד אויף א ווייסער באנד, און אז זיי טאָרן זיך נישט באווייזן אין גאס אין דער צייט פון דורכמארש פון דער דייטשער ארמיי. פארן נישט אויספירן די געזעצן האָט געדראָט א שטראָף פון 500 זל. אָדער ארעשט.

* * *

צו יענער צייט איז געשאפן געוואָרן דער „יודענראט" מיט איציק אלי׳ צעלערמייער בראש. די דאָזיקע קערפּער־שאפט האָט געהאָט די פליכט צו רעפּרעזענטירן דעם ייד. ציבור כלפי דער דייטשער און אוקראינישער מאכט, אנט־קעגן קומען אלע פאָדערונגען פון ארבעט און זאכן, און בכלל אויספירן אלע זייערע פאראָרדענונגען. עס דארף באמערקט ווערן, אז די ציווילע אדמיניסטראציע איז געווען אין די הענט פון די אוקראינער.

קורץ נאָך דעם האָט זיך דער יודנראט רעקאָנסטרו־אירט מיט דעם באקאנטן געזעלשאפטלעכן עסקן הערמאן ראָלער אין דער שפּיץ, און ער ווערט באלד געשטעלט פאר א גרויסן נסיון.

ס׳איז ארויפגעלייגט געוואָרן צו צאָלן א שווערע קאָנט־ריבוציע: צושטעלן א קילאָ גאָלד און עטלעכע צענדליק־טויזנט זל. 12 יידן זענען געהאלטן געוואָרן אין קרימינאל אין טשאָרטקאָוו אלס ערובניקעס ביז די פאָדערונג איז דערפילט געוואָרן.

אָנהייב אויגוסט 1941 זענען דורכגעגאַנגען, צו פוס, דורך קאַפּיטשינעץ עטלעכע הונדערט יידן, מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע ווינערטער אין אונגארן[53], בוקאָווינע און בעסאראביע (פריער אָקופּירטע דורך די סאָוויעטן). געטריבן האָבן זיי אוקראַינישע מיליציאנטן צו ערשט קיין הוסיאטין און דאן צוריק קיין קאַפּיטשינעץ, ווו די דעפּאָרטירטע זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פונעם יודנראט. אויפן וועג זענען א סך אומגעקומען.

דעם זעלבן חודש אָב, אין א זונטיקדיקן טאָג, איז פלוצים אָנגעפאָרן א ן אויטאָס א ספּעציעלע אָפּטיילונג פון דער „היטלער־יוגנט". וואָס האָט אויסגעפירט פאַלגנדיקן וואנדאלישן אקט: באגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן די שולן און בתי מדרשים, פיל ספרי־תורה זענען אוועק מיטן רויך.

סעפּטעמבער 1941 ווערן באקאנט געמאכט נייע פאראָרדענונגען: א) אויף אלע ארייגנגען אין די יידישע ווינונגען מוז מען אָנקלעפּן צעטלען מיט א גרויסן מגן־דוד, וואָס מ'האָט באקומען צו קויפן אין יודנראט פארן פרייז פון 10 זל. אָדער 100 רובל. ב) ס'איז פארבאָטן יידן ארויסצופאָרן פון זייערע ווינערטער אָן א דערלויבעניש. פאר עובר זיין אויף דעם קומט טויט־שטראָף. ג) יידן טאָרן זיך אבסאָלוט נישט ווייזן אויפן מארק־פּלאץ.

ביז דאמאָלס איז נאָך געווען דערלויבט עפּעס איינצו־



די אלטע שול אין קאָפּיטשינעץ
בית־הכנסת העתיק בקופיצ׳ינצה

קויפן בלויז אין די שעהן פון 11 ביז 2 נ.מ., ד.ה. נאָך דעם ווי די קריסטן האָבן זיך שוין געהאַט באַזאָרגט מיט די פּראָדוקטן, און ווען ס'איז גאָרנישט אָדער ווייניק וואָס געבליבן.

די אויפזיכט אויפן מארק האָט געהאַט דער פּאָליציי־דינער פון דער געמיינדע, דער אוקראַינער בעלקאָ, א געפערלעכער שונא־ישראל, וואָס איז ארומגעגאנגען מיט א גראָבן שטעקן און מערדערלעך געשלאָגן וועמען ער האָט נאָר אָנגעטראָפן אויפן רינעק־פּלאַץ.

יעדן טאָג האָט דער יודנראַט געמוזט צושטעלן מענער און פרויען צו פאַרשידענע ארבעטן. די סטאַביל באַשעפ־טיקטע אויף א געוויסן פּלאַץ האָבן נישט געדאַרפט זיך מעלדן אין יודנראַט, נאָר געגאנגען גלייך אויף דעם ארבעטס־אָרט. די פאַרפליכטעטע צו א טאָג ארבעט האָבן געקענט שיקן א צווייטע פערזאָן. געוויינלעך פלעגן זיך פאַרדינגען צו אזא פאַרטרעטונג די אָרעמע, וואָס האָבן געוואָלט פאַר־דינען דעם לוין פון 10 זל. און אן אומזיסטיקע פּאָרציע ברויט, געטיילט אין דער ערשטער צייט דורכן יודנראַט בלויז פאַר די ארויסגייענדיקע פון דאָרט צו דער ארבעט.

באַפרייט פון צושטעלן זיך אין יודנראַט זענען אויך געווען די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשע מיליטערישע און אדמיניסטראַטיווע באַאמטע אָדער פאַר די אוקראַינישע דיגניטאָרן.

די מענטשן מיט א סטאַבילער באַשעפטיקונג האָבן

באקומען ספעציעלע ארבעטס־קארטן, וואָס זענען באטראכט געוואָרן פאר א „גליק". די אייגנטימער פון אזעלכע דאָקו־מענטן האָבן געגלייבט, אז זיי זענען געשיצט פון אנדערע ארבעטן אויפן אָרט און פון ווערן ארויסגעפירט אין א לאגער.

דער ארבעטס־־אינספעקטאָר ביי דער געסטאַפּאָ אין טשאָרטקאָוו, ד ר י נ ד א, איז געקומען קיין קאָפּיטשינעץ און אליין קאָנטראָלירט און באטראכט די אלע באשעפטיקטע, וועריפיצירט און באשטעטיקט זייערע „שיינען".

אָבער דער מצב פלעגט זיך אָפּט בייטן און קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן מאָרגן.

שבת, דעם 8־טן נאָוועמבער 1941, האָט דער יודנראט, אויף דער פאָדערונג פון דעם זעלבן ארבעטס־אינספעקטאָר געמוזט צושטעלן העכער 200 מענטשן אויף צוואנגס־ארבעט אין די לאגערן פון טארנאָפּאָל און קאמיאָנקי ביי פאָדוואָ־לאָטשיסק.

* * *

צו יענער צייט בערך איז געשאפן געוואָרן דער יידישער „אָרדנונגס־דינסט" אָדער מיליץ, וואָס איז געווען דער עק־זעקוטיווער אָרגאן פונעם יודנראט, אייגנטלעך פון דעם „עלטעסטן". די דאָזיקע קערפערשאפט איז באשטאנען פון 15—20 מענער, איר אויפגאבע איז געווען צו וואכן איבער דער אָרדענונג אין געטאָ און צו צווינגען דורך אָנווענדן כוח, פּינקטלעך אויסצופירן אלע באפעלן.

געווען צווישן זיי פארשוינען פיזיש קרעפטיקע מיט א ברוטאלן כאראקטער, וואָס האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער די כלומרשטע „פארברעכער", אָבער אויך אנשטענדיקע מענטשן, און אפילו א רב מיטן נאָמען שעכנער פון פראָבוזשנע. די לעצטע האָבן זיך באמיט צו ווירקן דורך איבערצייגונג און אויפקלערונג, אז דאָס עובר זיין אויף א געוויסן פארבאָט קאָן ברענגען שאָדן דעם גאנצן ציבור; זיי האָבן אויך אָפט געמאכט זיך נישט זעען די „עבירות". די דינסט אין דער „מיליץ" איז באטראכט געוואָרן פאר דער בעסטער גוואראנץ צו בלייבן לעבן. ס'האָט זיך געגוויטיקט גרויס פראָטעקציע, אז ראָלער זאָל באוויליקן אימיצן אויפצונעמען אלס מיט־גליד פון דער קערפערשאפט.

אין דער ערשטער צייט איז שעף פון דער „אָרדנונגס־דינסט" געווען דוד לאָקער, א סערזשאנט פון דער פוילישער ארמיי. ער איז אָבער באלד קראנק געוואָרן און געשטאָרבן. אלס זיין נאָכפאָלגער איז באשטימט געוואָרן יאָסעלע שמע־טערלינג. זיין נאָמינאציע איז ווארשיינלעך געמאכט געוואָרן אויפן ווונטש פון דער דייטשער זשאנדערמעריע. דער דאָ־זיקער שמעטערלינג איז געווען א געהיים־אגענט און מוסר ביי די פאָליאקן. אונטער דער סאָוו. הערשאפט איז ער פאר די דאָזיקע „מעשים טובים" ארעסטירט געוואָרן און געזעסן אין כארקאָוו אָדער קיעוו אין טורמע. ווען די דייטשן האָבן באהערשט די שטאָט און ארויסגעלאָזט אלע ארעס־טאנטן פון די תפיסות, אז אויך יאָסעלע באפרייט געוואָרן

און זיך אומגעקערט א היים קיין קאַפּיטשינעץ, ווו ס׳האָט געלעבט זיין פרוי מיט אירע עלטערן. (אגב, איר פאָטער, א שלאָסער, איז געווען אן אנשטענדיקער ייד). דאָ האָט ער זיך געשטעלט אין גאנצן צום דינסט די דייטשע פּאָליציי־ארגאנען, וואָס האָבן אים, ווי א „פארפאַלגטן" דורך די באָלשעוויקעס, זייער גערן אויפגענומען.

ווארשיינלעך האָט ער פאר זיינע „לייסטונגען" באקומען גוט באצאָלט, ווייל ער איז ארומגעגאנגען עלעגאנט גע־קליידעט, תמיד מיט א רייט־שטעקעלע אין דער האנט, און עס אָפט באנוצט איבער א יידישער פּלייצע...

דער יודנעלטעסטער ראָלער האָט זיך מיט אים באהאָלפן צוליב זיין פרייען צוטריט צו דער מאכט, דער מעגלעכקייט אויסצווירקן אמאָל עפּעס א טובה און אויך ארויסצובאקומען א ידיעה וועגן א פאַרשטיינדיקער „אקציע".

אָבער נאָך א געוויסער צייט איז שמעטערלינג אומ־געריכט דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיינע באלעבאטים, ווע־מען ער האָט אזוי געטריי געדינט. מעגלעך, ער האָט צופיל געוווּסט, אָדער זיי האָבן זיך שוין נישט מער גענויטיקט אין אים.

שפּעטער האָט איבערגענומען די לייטונג פון דער יידי־שער מיליץ אדוואָקאט ראָלער, א ברודער פון הערמאן ראָלער. דאָס איז געווען א קאָרעקטער, נאָר אביסל א מי־זאנטראָפּישער מענטש. (ער איז אומגעקומען צוזאמען מיט

דער גאנצער משפחה ראָלער נאָך דער ענטגילטיקער ליק־ווידאציע פון קאַפּיטשיניצער געטאָ).

* * *

סוף נאָוועמבער 1941, ווען ס׳איז שוין געווען שטארק קאלט, האָבן אלע יידן, אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף, געמוזט אוועקגעבן זייערע פעלצן און פוטערנע מלבושים, ווי אויך אלע קאָסטבארע זאכן; צירונג, גאָלדענע און זילבערנע מטבעות און כלים, אפילו עסצייג פון אלפאקא און אלומיניום. דאָס אלץ האָט מען איבערגעגעבן אין לאָקאל פון יודנראט פאר דער געסטאפּאָ, אָן א שום באשטעטיקונג.

אין דער העלפט דעצעמבער פון ד. ז. יאָר האָט מען ווידער פארנומען א 25 מענער, דערונטער אויך אייניקע סטאביל־באשעפטיקטע, און זיי ארויסגעפירט אין די דער־מאנטע לאגערן.

אן ענלעכע אקציע איז אויך פאָרגעקומען דעם 20־טן פעברואר 1942, נאָר דאָס מאָל האָט מען די מענטשן פאר־נומען קיין באַרקי ווּיעלקיע, אויך אויף דער ליניע טאַרנאָפּאָל־פּאָדוואָלאָטשיסק. לויט דער פאָדערונג פון דעם טשאָרטקאָווער ארבעטס־אמט, האָט דער יודנראט געדארפט איבערגעבן 71 מאן, אָבער ס׳האָבן זיך צוגעשטעלט בלויז עטלעכע און צוואָנציק.

פרייטיק, דעם 6־טן מערץ 1942, האָט די דייטשע זשאנדארמעריע צוזאמען מיט דער אוקראינישער מיליץ אויפ־געזוכט די, וואָס האָבן זיך אליין נישט געמאָלדן, און בערך

20 מאן אָפּגעפירט אין דעם אויבן דערמאנטן לאגער.

ס'איז קוים פארביי א צוויי וואָכן, און קאָפּיטשינעץ איז ווידער אויפגעטרייסלט געוואָרן מחמת א נייער מאסן־אקציע. דעם 20־טן מערץ האָט מען ארויסגעפירט א 150 יידן צו דער ארבעט ביים רייניקן דעם שניי אויף די וועגן אויסער דער שטאָט. אומגעריכט איז אָנגעפאָרן די געסטאפּאָ מיט זייערע רעגולערע מיטהעלפער און אלעמען פארנומען קיין טשאָרטקאָוו, ווו מען האָט זיי געהאלטן 3 טעג אין א קרימינאל און דאן אָפּגעפירט אין דעם שוין דערמאנטן לאגער קאמיאָנקי. 50 יידן פון דעם טראנספּאָרט האָט מען איבער־געשיקט אין אן ענלעכן לאגער, קיין הלובאָטשאָק. גאָר א קליינע צאָל פון דעם טראנספּאָרט איז קראנק און צעבראָכן, אהיים געקומען.

* * *

אָנגייענדיק מיט זייער אָפּנארערישער און פארפירערישער פּאָליטיק, האָבן די דייטשן געוואָלט אביסל פארגלעטן דעם איינדרוק פון די לעצטע געשעענישן און איינשלעפערן דעם עולם מיט דער אילוזיע, אז עס הראָעט נישט קיין פארניכ־טונג.

דעריבער ווערט אין דעם זעלבן חודש מערץ געשאפן ביים יודנראט א פיליאלע פון דער J.S.S., ראשי תיבות פון Jüdische Soziale Selbsthilfe (ייד. סאָציאלע אליינהילף), וואָס ביים שפּעטער דעם נאָמען אויף J.S.H. Jüdische Soziale Hilfe און דאן אויף Jüd. Unterstützungsstelle J.U.S.

(ייד. אונטערשטיצונג־שטעלע) [54].

די דייטשע מאכט האָט געפאָדערט די ענדערונג פון דעם נאָמען .J.S.S, ווייל מ׳האָט עס געקענט אויך ליינען: .(Jüdische S.S

די אָרגאַניזאַציע האָט אַנטוויקלט אַ ווײַלטעטיקע אַרבעט: געעפנט אַ פאָלקס־קיך, פאַרזאָרגט דאָס איבעריקן פעקלעך שפּייז און וועש פאַר די לאַגערניקעס, אַליין געשיקט אַזעלכע זאַכן פאַר אָרעמע און איינזאַמע אַרבעטער, געגעבן שטיצע די נויטבאַדערפטיקע אין שטאָט. אחוץ דעם האָט זי געגרינדעט וואַרשטאַטן פון שניידעריי, וועשנייעריי, טריקאָטאַזש א.א., געשאַפן אַן אַמבולאַטאָריע פאַר קראַנקע און אַ דעזינפעקטאָר פאַר די מלבושים פון די לאַגערן.

אַלס אָנפירער פון דער אינסטיטוציע איז באַשטימט גע־וואָרן דער אינזשעניער יעקב זילבערשטיין. ער האָט, דאַכט זיך, געשטאַמט פון ווילנע, ווו ער איז געווען אַ טוער פון „אָרט", און צו יענער צייט זיך באַוויזן אין קאָפּיטשינעץ. אינזש. זילבערשטיין איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דעם באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן עסקן, געוו. סיים־דעפּוטאַט און פירער פון „התאחדות" אין גאַליציע, ד״ר אברהם זילבערשיין, וועלכער האָט דאַמאָלס אין דער שווייץ געפירט די רעטונגס־אַקציע פאַר די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. דער אינזשעניער האָט דערוואַרט פון אים דאָקומענטן צו קענען אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. בשייכות מיט דעם איז ער אַרויס־גערופן געוואָרן צו דער געסטאַפּאָ אין טשאָרטקאָוו, פון וואַנען

ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט. ער איז דאָרט דערשאָסן געוואָרן.

* * *

די דייטשע רוצחים האָבן ביסלעכווייז צוגעגרייט דעם באָדן צו דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון די יידן. קודם כל האָבן זיי קאָנצענטרירט אַלע יידן פון דער אומגעגנט אויף איין אָרט אין א גרעסערער שטאָט. אזוי ארום איז שוין אין מאָנאט מערץ 1942, ווי שוין פריער דערמאָנט, געקומען דער סוף צו די יידישע ישובים פון הוסיאַטין, וואסילקאָווצע און אנדערע דערפער פון דער סביבה. די יידן פון די מקומות זענען פארטריבן געוואָרן קיין פּראָבוזשנע, צוזאמען מיט די פון די דערבייאיקע דערפער. די זעלבע גזירה איז אויך חל געווען אויף די דערפער ארום כאָראָסטקאָוו און קאָפּיטשינעץ.

די ארויסגעטריבענע פון די דערפער זענען געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן זייער גאנץ פארמעגן, די שטיבער, די גערטנער און פעלדער, דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאר און דאָס אלץ איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

אין א צייט ארום, דהיינו אין חודש מאי, ברעכט אויס א נייע בהלה. דאָס מאָל האָט דער יודנראט פארנומען 50 מיידלעך קיין יאגיעלניצא (יידיש יאגאָלניצע), אין א לאַגער פון פרויען, וואָס האָבן געארבעט אויף די פעלדער ביים קאָקסאגיז. דאָס איז אזא פלאַנץ, פון וועלכער די

סאָוויעטן האָבן געמאכט פרוון ארויצסובאקומען קאוטשוק און די דייטשן האָבן ממשיך געווען די עקספערימענטן .דער דאָזיקער פראָדוקט האָט געהאט ווארשיינלעך א וויכטיקע באדייטונג פאר דער ארמיי.

אזא „אקציע” איז דעמאָלט אויך פאָרגעקומען אין גאנצן טשאָרטקאָווער קרייז.

נאָך רעכט נישט באוויזן זיך צו באַרואיקן פון איין „אקציע” און באלד איז שוין אָנגעקומען א צווייטע. אין א פרייטיקדיקן טאָג, סוף חודש יוני 1942, א ז געווען אן אָבלאווע אויף די, וואָס האָבן זיך געפילט אמזיכערסטן און זיך נישט באהאלטן, די סטאביל־באשעפטיקטע. מ'האָט זיי אוועקגעפירט אין אן ארבעטס־לאגער אין סטופקי, אויך אין דער געגנט פון טאַרנאָפּאָל.

א ביסל שפּעטער, געגנויער דעם 17־טן יולי, האָט מען צוגענומען 36 יידן, וואָס האָבן געארבעט ביי דער דייטשער פירמע „ניעהאָף” ביים פאריכטן די וועגן, און זיי פארשיקט אין דעם שוין אויבן דערמאנטן לאגער הלובאָטשאָק. כמעט אלע זענען אומגעקומען, דערשאָסן געוואָרן אָדער געשטאָרבן פון דער שווערער ארבעט, פון הונגער און טיפוס־קראַנקייט.

אויך אין געטאָ איז די ענגשאפט און דער הונגער געוואָרן נאָך גרעסער, מחמת דעם צופלוס, אין אויגוסט 1942, פון א 200 אָרעמע זקנים און זקנות וואָס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון טשאָרטקאָוו.

* * *

די באדינגונגען אין די דערמאנטע לאגערן זענען געווען שווידערלעכע. יעדן טאָג זענען דאָרטן מערדערלעך גע־פייניקט און דערשאָסן געוואָרן א קלענערע אָדער גרעסערע צאָל יידן, אָבער ביי דעם אלעם האָבן זיי צו יענער צייט פאַרגעשטעלט מיט זיך בעיקר ארבעטס־פלעצער. ס'האָט עקזיסטירט א געוויסער קאָנטאקט צווישן דעם יודנ־ראט און די לאגערן. דער ספּעציעלער פאַרבינדונגס־מאַן, עמיל גאָטליב האָט יעדע וואָך געפירט פעקלעך מיט עסן־ווארג, וועש און פאָסט פאַר די פארהאפטעטע, און טייערע מתנות פאר די אויפזעערס. עס איז אפילו געווען א געוויסע מעגלעכקייט אויסצוקויפן פאר א סך געלט א קראנקן אָדער אים לאָזן פארטרעטן דורך א צווייטן, א האפענונג אוז אמאָל אויך א שאנס זיך צו באפרייען. אָבער נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען די כוואליע פון די פארניכטונגס־אקציעס, וואָס זענען שוין פאַרגעקומען אין אנדערע שטעט, האָט זיך אויך דערנענטערט צום טשאַרטקאָווער קרייז.

יעדן טאָג זענען אָנגעקומען פארשידענע קלאנגען, שרע־קעוודיקע און באלד בארואיקנדיקע. אויף יעדן פאל האָט מען געמאכט בונקערס (באהעלטענישן) און געהאלטן שמירה אין די נאכט.

ווען דער אָדער יענער פון די מאסגעבנדיקע קרייזן האָט פאר טייערע מתנות פונעם יודנראט פארזיכערט, אז ס'וועט נישט זיין קיין „אקציע" און עס זענען טאקע אדורך עטלעכע רואיקע טעג, איז מען שוין געוואָרן האָפער־

דיק, אז קאַפּיטשינעץ וועט זיין אַן אויסנעם און וועט אויסמיידן דאָס בייז.

ליידער אָבער זענען דאָס געווען פאַלשע אילוזיעס.

* * *

מיטוואָך, דעם 30־טן סעפּטעמבער 1942, יום ג׳ דחוה״מ סוכות, איז געשען דאָס גרויסע אומגליק. ס׳איז געווען א גאַר שיינער, זוניקער פרימאָרגן. די פאַבריקע נאַכט איז אריבער אַן א שום אינצידענטן, האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן אויסצופירן די נאָרמאַלע ארבעטן פון טאָג. אומגעריכט זענען אלע יידישע הייזער, איינשליסלעך אויך אויף דער פּערי־פעריע פון שטאָט, צווישן קריסטן, באַלאַגערט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, זייערע שטענדיקע קאָלאַבאָראַנטן און דאָס מאָל מיט דער הילף פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע. זיי זענען אריין אין די שטיבער, געזוכט אויף די בוידעמער און אין די קעלערס, גענישטערט איבעראַל, אויפגעריסן בונקערס, געהאַקט ווענט און ארויסגעפירט אלע, יונג און אלט. ערשטנס האָבן די אָנפאַלער געפּאָדערט אונטער דער דראָונג פון טויט אויפן אָרט, אָפּצוגעבן די זייגערלעך, פינגערלעך און געלט, וואָס מ׳האָט געהאַט ביי זיך און דאַן געפירט די אומגליקלעכע אין רייען צום מאַרק־פּלאַץ, נאָענט פון יודנ־ראַט, (וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון שפּירא). די צאָל פון די צונויפגעטריבענע איז געשטיגן פון שעה צו שעה. אלטע און קראַנקע, אונטערגעהאַלטענע דורך זייערע מש־פּחה־מיטגלידער, האָבן זיך באַמיט מיט אלע כוחות מיט־

צוגיין און צו האלטן שפּאָן, אין דער האָפענונג, אַז אפשר וועלן זיי דאָך בלייבן לעבן. די דאָזיקע, וואָס האָבן נישט געקענט און נישט געוואָלט מיטגיין אָדער געפּרוווט צו אַנט־לויפן, זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. אַזעלכע פאַלן זענען געווען דעם טאָג א פינפציק.

דער מאַרק־פּלאַץ איז געוואָרן פאַרפולט מיט א געדיכטער מאַסע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געטאָרט אויפשטעלן און נאָר געמוזט די גאַנצע צייט זיצן אויף דער ערד, נאַטירלעך, אונטער א שטאַרקער וואַך.

אַרום מיטיק־צייט האָבן די יידישע מיליציאַנטן, אויפן באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, אַרויסגעבראַכט עמערס וואַסער, שטיקער ברויט און עפּעלעך. די „הומאַנע" באַהאַנדלונג האָט געדאַרפט באַרואיקן די פאַרצווייפלטע יידן, אַז מ'פירט זיי טאַקע אין אַנדערע ערטער אויף אַרבעט. די אַקציע האָט דאָך געטראָגן דעם אומשולדיקן נאָמען: „אויסזידלונג".

נאָר איינצעלנע, וואָס האָבן, איינשטעלנדיק זייער לעבן, געוואָגט זיך אַרויסצודרייען פון דער מאַסע, איז געלונגען צו אַנטרינען. (צו די דאָזיקע האָט אויך געהערט דער מחבר פון דער כראָניק).

אין די שפּעטע נאָכמיטיק־שעהן זענען אַלע, איבער 1000 מענטשן אָפּגעפירט געוואָרן צו דער באַן־סטאַציע און אין פול־געפּאַקטע וואַגאָנען, לויט ס'האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, קיין בעלזשעץ, וואָס ליגט צווישן ראַווא־רוסקאַ און טאָמאַשאָוו לובעלסקי, ווו ס'איז געווען א גאַז־קאַמער.

קיינער איז פון דאָרט נישט צוריקגעקומען.

פריער נאָך אויף דער קאָפּיטשיניצער באַן־סטאַציע זע־נען אויסגעקליבן געוואָרן פון דער מאַסע א 70 שטאַרקע מענער, פאַרן „יאַנאָווער לאַגער" (אויף דער יאַנאָווסקאַ־גאַס נר. 134) אין לעמבערג. א העלפט פון זיי איז פון דאָרט אריבערגעפירט געוואָרן אין א לאַגער קיין פּאָלאָניצע און, ארום 15־טן נאָוועמבער, צוריק קיין לעמבערג. אָבער אין א פּאָר טעג שפּעטער זענען זיי ארויסגעפירט געוואָרן אין אן אומבאַקאַנטער ריכטונג אָן א שפור.

פון דער ערשטער גרופּע, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אין יאַנאָווער לאַגער, איז, נאָך א פּאָר וואָכן, בלויז 2 קאָפּי־טשיניצער יידן געלונגען צו אנטלויפן און צוריקצוקומען א היים קראַנקע און צעבראָכענע. (איינער פון זיי איז געוועזן דער דערמאָנטער משה ראָטמאַן).

אין דעם זעלבן טראַגישן טאָג פון דער „אַקציע" זענען אויך פאָרגעקומען ענלעכע אין כאָראָסטקאָוו און אין פּראָבוזשנע, ווו עס האָבן זיך געפונען, ווי שוין דערמאַנט, די הוסיאַטינער פּליטים.

געגען 6 א זייגער אין אָוונט (מיט דער דייטשער פּינקט־לעכקייט!) איז די אַקציע געוואָרן אָפּגעשטעלט. געכאַפּטע נאָך דער שעה זענען דורך די דייטשן באַפרייט געוואָרן, אָבער דערמאָרדעט דורך די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן אויף זייער אייגענער האַנט.

דער יודנראַט האָט געמוזט באַצאָלן פאַר דעם סער־

ווירטן מיטיק פאר די רוצחים און באשענקען מיט טייערע מתנות פאר דעם „חסד“, וואָס זיי האָבן זיך באגניגט בלויז מיט מער ווי א העלפט פון דער גאנצער ידישער באפעל־קערונג, שווינענדיק די יודנראַט־מיטגלידער, „אָרדנונגס־דינסט“, די דאָקטוירים און זייערע משפחות.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער אקציע, דעם 1־טן אָקטאָבער, ביז דעם 5־טן פון ד.מ. זענען די ניצול געוואָרענע ייִדן געווען געצוווּנגען צענויפצונעמען און סעגרעגירן די זאכן, נאָך די דעפּאָרטירטע און זיי איבערגעבן אין די מאגאזינען פון דער געסטאפּאָ.

די אויפזיכט איבער דער ארבעט איז געווען זייער א שטרענגע. א קאָפּיטשיניצער בחור, וואָס איז ארומגעגאנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האָט זיך געוואָלט נעמען א פּאָר הויזן, איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

* * *

די דייטשן, אָנגייענדיק מיט זייער פּלאן פון קאָנצענ־טרירן וואָס מער ייִדן אויף איין אָרט, כדי זיי לייכטער צו פארניכטן, האָבן איצט ארויסגעגעבן א נייע גזירה: די ייִדן פון כאָראָסטקאָוו און פון פּראָבוזשנע (דערונטער אויך די הוסיאטינער) מוזן ביזן 20־טן אָקטאָבער זיך אריבערציען קיין קאָפּיטשינעץ.

די ענגשאפט דאָ איז איצט געוואָרן נאָך גרעסער. מ׳האָט אריינגעזעצט צי 10—15 פּערזאָן אין איין צימער. מחמת הונגער און דחקות זענען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס,

הויפטזעכלעך פון טיפוס, אזוי אז במשך פון דעם ווינטער זענען געשטאָרבן העכער 200 מענטשן. ס'איז נישט פאַרביי קיין איין טאָג אָן א לויה. די צאָל יידן אין קאָפּיטשינעץ האָט דאַמאָלס באַטראָפן 2700.

אין דעצעמבער 1942 איז דאָס געטאָ אויפגעטרייסלט געוואָרן פון א נייער רציחה. ס'איז אָנגעפאַרן דער ס.ס. און געסטאַפּאָ־אָפיציר ווילי ר ו ק ס, אריין אין הויז פון דעם קאָפּיטשיניצער אדוואָקאַט ד"ר כ"ץ, פאַרנומען אים מיט זיין פרוי און א 10־יעריק טעכטערל, ווי אויך נאָך אנדערע יידן פון דעם הויז, צווישן זיי דעם קריוועטשער רבס איידעם מיט זיין פרוי און שוויגער, די אלע אוועקגעפירט קיין טשאָרטאָקוו, און דאָרט זיי דערשאָסן. די סיבה האָט געזאָלט זיין א מסירה, אז די פרוי כ"ץ האָט געהאַט קאָנטאַקטן מיט א געהיימניספולן סאָוויעטישן ייד, וואָס האָט זיך דאַמאָלס באַוויזן אין קאָפּיטשינעץ. ס'איז געווען א חשד, אז ער איז א סאָלדאַט פון דער „רויטער ארמיי", וואָס איז אנטלאָפן פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. לויט א צווייטער ווער־סיע, איז ער בכיוון פאַרבליבן נאָכן ריקצוג פון די רוסן, כדי דאָ צו פירן א פאַרטיזאַנער־טעטיקייט.

שפּעטער א פּאָר טעג איז רוקס ווידער געקומען קיין קאָפּיטשינעץ און דערשאָסן סתם אָנגעטראָפענע פינף יידן אין גאַס.

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס יאָר 1942 און זיך אָנגע־הויבן דאָס יאָר 1943.

* * *

אין מאָנאט יאַנואַר האָט די אוקראַאינישע מיליץ געכאַפּט א 20 יידן, מענער און פרויען, פאַרן איינציקן „חטא" פון ארויסגיין אויף דער גאַס אין געטאָ, זיי האָבן נישט געוווּסט וועגן אַזאַ פאַרבאָט. מ'האָט זיי איינגעזעצט אין תפיסה אין טשאָרטקאָוו. נאָך אַכט טעג זענען זיי פאַר אויסקויף־געלט פון 40000 זל. באַפרייט געוואָרן. איינער פון דער גרופּע, מלך געלבאַרד, איז תיכף נאָך דעם געשטאָרבן. אין דער צייט האָט מען נישט געטאָרט ארויסגיין אויסער דער טיר פון הויז.

סוף פעברואַר 1943 האָט דער יודנראַט דורכגעפירט א לאַגער־אַקציע קיין הלובאָטשאָק. מ'האָט דאַמאָלס געכאַפּט א 20 מענער.

קוים א וואָך נאָך דער פּאַסירונג, און ווידער האָט זיך א גרויסע שרעק אויסגעשפּרייט איבערן געטאָ. ווען א גרע־סערע צאָל יידן (דערונטער אויך איך) איז, אויפן באַפעל פונעם יודנראַט, געווען פאַרזאַמלט אין דער א.ג. „וויזשניצער קלויז" ארויסצוגיין פון דאָרט צו די אַרבעטס־פּלעצער, זענען זיי פּלוצים געוואָרן ארומגערינגלט דורך די לאָקאַלע דייטשע זשאַנדאַרן, אוקראַאינישע מיליציאַנטן און יידישע אָרדנער. ס'איז אוממעגלעך געווען זיך ארויסצובאַקומען פון דער באַלאַגערונג. אין דער פּאַניק האָט קיינער נישט גע־וווּסט, צי מען וועט אַלע אוועקפירן אין קרימינאַל קיין טשאָרטקאָוו, אָדער ערגעץ אין א לאַגער און אפשר גאָר

אונטערצינדן דעם בנין מיט אלע מענטשן. דערווייל זענען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען צווישן יודנראַט און די דייטשן. דער רעזולטאַט: מען האָט פאַרנומען בלויז 20 מענער און אויך זיי זענען, ווי די אַלע אַנדערע, פאַרן פּרייז פון טייערע מתנות באַפרייט געוואָרן, אָבער מיט דעם באַדינג, סטאַביל צו אַרבעטן ביי דער „שראָט־ערפאַססונגס־טרופּ" (אויפ־זאַמלען און פאַרלאָדן אַמוניציע אויף דער באַן). אָבער אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען די דאָזיקע און נאָך אַנדערע גע־כאַפּטע, צוזאַמען אַ 60 מאַן אָפּגעפירט געוואָרן אין שוין דערמאָנטן הלאָבאָטשיקער לאַגער.

דאָס געטאָ האָט געלעבט אין פּערמאַנענטן פּחד. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען איוב־בשורות וועגן טראַגישע געשע־ענישן אין אַנדערע מקומות. יעדע נאַכט האָט מען געוואַכט און דערוואַרט, אַז ס'וועט אויסברעכן אַן „אַקציע". מ'האָט נישט געזען קיין שום אויסוועג פון דער לאַגע. דאָס איינ־ציק מעגלעכע, הגם מיט שוועריקייטן, איז געווען דאָס שאַפן פון גוט פאַרמאַסקירטע באַהעלטענישן. יידן, פּשוטע פּאָלקס־מענטשן, האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע בקיאות אין דעם פּלאַנירן און אויספּאַרטיקן בונקערס; מען האָט געגראָבן אונטערערדישע קאַנאַלן, צוגעבויט ווענט, פאַרמויערט טיילן פון קעלערס און בוידעמער, פאַרשטעלט אַריינגענג, און באַזאָרגט מיט אַ גענוגנדיקן צושטראָם פון פרישער לופט, אין אַ טייל פאַלן אויך מיט עלעקטריש ליכט.

ס'האָט זיך דערנעענטערט דער חודש אדר. דער שווערער,

טרויעריקער ווינטער גייט שוין צו א סוף. עס קומט אָן דער פרילינג און מיט אים נייע האָפענונגען. יידן טרייסטן זיך מיט דער פאָפולערער טראדיציאנעלער פראזע: „משנכנס אדר מרבים בשמחה". אָבער די טראגישע אויסזיכטלאָזע ווירקלעכקייט פארלעשט גיך אלע פונקען פון אילוזיעס.

אין אפריל 1943 האָט זיך ווידער צעגאָסן א כוואליע מאסן־מאָרדן איבער דעם גאנצן קרייז טשאָרטקאָוו. עס גייען אוועק אומרואיקע טעג און וואכעדיקע נעכט פון פאלשע אלארמעס און דאן — אנגענעמע איבערראשונגען פון רעלאטיוו רואיקע מינוטן. עס דריקט דאָס הארץ די זאָרג, אויף אלעמענס ליפן הענגט די פראגע: וואָס וועט זיין?

עס דערנענטערן זיך די לעצטע ערב־פסח־טעג. יידן גרייטן זיך אויפצונעמען כאָטש אויף א גאָר באשיידענעם אופן דעם שיינעם יום טוב. מ'האָט אפילו באקומען צו קויפן אין יודנראט־געוועלבל ביי שפירא א פעקל מצות פון שווארץ, ראזאָווע מעל. טאקע נישט געווען קיין וויין אויף ארבע כוסות, אָבער דערפאָר האָט מרור... שוין גאָר נישט אויסגעפעלט.

אין דער צייט קומען אָן פון פראָנט פריידיקע ידיעות: סטאלינגראד.*54 די פאָטענץ פון דער „אקס" האָט זיך איינגעבראָכן. אויפן רוסישן פראָנט איז געקומען א ווענדונג צום גוטן. אין פרילינג זענען אויך פאראן בעסערע מעגלעכקייטן פון א פארטיזאנער קאמף.

דער אָנקומענדיקער פרייהייטס־יום־טוב רופט ארויס א

מיסטישע שטימונג. עס וואכט אויף דער יידישער בטחון. ביי א טייל ווייבער צעשפילט זיך די פאנטאזיע. זיי דערציילן וועגן חלומות, זיסע טרוימען פון א באלדיקער ישועה, גיבן איבער רמזים, סודות... דער זכות פון הוסיאטינער צדיק, פון קאפיטשיניצער רבין און פון אלע צדיקים וועט מגין זיין! דער זכות פון חג־החרות וועט ביישטיין!... עס וועט געשען, עס מוז געשען א נס!...

* * *

אבער קיין נס איז נישט געשען און דאקעגן איז געקומען די ביטערסטע, די טרויעריקסטע אנטוישונג.

ס'איז געווען אין א דאנערשטיק, דעם 15־טן אפריל 1943, (א' ניסן תש"ג. אפטימיסטן האבן געטייטשט די ראשי תיבות פון תש"ג: **ת**היה **ש**נת **ג**אולה, אבער אין דער אמתן איז עס געווען א **ש**נת **ג**יהנום, א **ש**נת **ש**ואת **ג**יטו).

שוין פון פריען פארטאג איז דאס געטא ארומגערינגלט געוואָרן דורך די רוצחים פון דער „זאנדער־דינסט" — געס טאפא פון טשארטקאוו, ווי אויך דורך זייערע שטענדיקע לאקאלע מיטהעלפער. דאס מאל האט די „אקציע" (די צווייטע לויט דער ריי) זיך אויסגעצייכנט מיט ריקזיכטלאזער ברוטאליטעט, מיט נישט־פארשטעלטע כוונות פון מארד, אנ־דערש ווי בעת דער ערשטער פון 30־טן סעפטעמבער 1942. דאמאלס האבן די מערדער נאך געמאכט דעם אנשטעל, אז עס האנדלט זיך נאר וועגן אן „אויסזידלונג" אין אן ארבעטס־לאגער. דאס מאל אבער האבן זי' מיט אפענעם ציניזם

געפאָדערט דאָס לעבן פון די יידן אויפן אָרט, כמעט אלע אין געטאָ זענען געוון באהאלטן, האָבן די תליינים געזוכט און גענישטערט, געהאקט ווענט, געגראָבן אין דער ערד און אויפגעריסן בונקערס. געוועזן פאלן, ווו מוטערס האָבן אליין דערשטיקט זייערע קינדערלעך, כדי נישט צו פארראטן די אָנוועזנדיקע.

די געכאפטע האָט מען געפירט צו ערשט אין ביוראָ פון יודנראט, ווו ס׳איז געזעסן דער שטאָב פון דער אקציע־קאָמאנדע, דאָרט ביי זיי צוגענומען אלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאט ווערטפולס און געטריבן אונטער א שטאר־קער שמירה אין רייען צו פיר צום וואלד ביי דער באן־סטאציע, צו די פון פריער צוגעגרייטע גריבער (מלחמה־שאנצן).

די קרבנות האָבן זיך געמוזט אויסטון גענצלעך נאקעט און זיך אָנבייגן, קניענדיק איבער די גריבער. מ׳האָט זיי געשאָסן פון ביקסן און מאשין־געווער, „שענקענדיק" יעדן נאָר איין קויל. די דייטשן האָבן דאָס גערופן „גנאדען־שוס"... און אזוי זענען די קרבנות אריינגעפאלן צומאָל נאָך לעבע־דיקע אין די מאסן־קברים.

מען האָט דערציילט, אז חמרה שווארץ [55] און זאָסיע אקערמאן [56] האָבן געהאלטן קורצע רעדעס צו די מערדערס, זאָגנדיק, אז די דייטשן זענען נאָר העלדן קעגן די אומבא־וואָפנטע יידן, אָבער דעם קריג וועלן זיי פארשפילן און זייערע ווייבער און קינדער, וועלן האָבן אַן ענלעכן סוף.

פאר די מוטיקע ווערטער האָט מען די פרויען אויף א בעסטיאַלישן אופן מאסאקרירט, אויסגעשניטן לעבעדי־קערהייט די בריסטן און דערשלאָגן ביז צום טויט.

בעת דער דאָזיקער „אקציע" איז אויך אומגעקומען דער לעצטער הוסיאטינער רב, ר' יעקב רינגעל מיט זיין משפחה, וועלכע האָט זיך געפונען אין קאָפּיטשיניצער געטאָ זינט דעם גירוש פון פראָבוזשנע.

די צאָל פון די קרבנות האָט באטראָפן א 400, הגם אָפיציעל אין פראָטאָקאָל איז אָנגעגעבן געוואָרן (אדאנק די מתנות פונעם יודנראט) 600.

די יידישע מיליץ האָט פארשאָטן די גריבער.

נאָך דער „אקציע" האָט דער יודנראט, ווי דאָס פאַריקע מאָל, געמוזט באצאָלן דעם חשבון פאר דעם מיטיק־עסן און אויך דעקן די הוצאות פון די אויסגעשאָסענע קוילן.

דאָס פארמעגן פון די דערמאָרדעטע און אויך פון אנדערע יידן איז קאָנפיסקירט געוואָרן. די הייזער אויפן רינעק זענען צעפלינדערט געוואָרן. א גוי האָט זיי אָפּגעקויפט פון דער געמיינדע פאר א לעכערלעכן פרייז אויף צו דעמאָלירן און פארקויפן דאָס מאטעריאל אויף רעמאָנט און בוי.

* * *

וועגן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ פון 19־טן אפריל 1943 זענען אהערצו דערגאנגען גאָר קנאפע ידיעות דורך די באן־קאָנדוקטאָרן און סתם ספעקולאנטן, נאטירלעך, קריסטלעכע, וואָס פלעגן שמוגלען שפייז־פּראָדוקטן, גאָלד

און וואלוטע אין די גרעסערע שטעט .לויט די דאָזיקע קלאַנ־
גען האָבן די יידן דערשאָסן א פאָר דייטשן און דאָס וואר־
שעווער געטאָ איז פארברענט געוואָרן.

דער דורכפאל פון דעם באוואָפנטן יידישן פארמעסט
קעגן שונא האָט נאָך מער אָנגעפילט די הערצער פון די
קאָפּיטשינעצער יידן מיט אנטוישונג און האָפענונגסלאָזי־
קייט.

מ׳האָט געהערט וועגן א פארטיזאנער־באוועגונג אין
די ארומיקע וועלדער און אז פון צייט צו צייט לאָזן זיך
ארויס דייטשע באוואָפנטע כוחות אויף אָבלאַוועס. עס זענען
ארומגעגאנגען שמועות, אז אין א טייל דערפער גראסירן
באנדעס אוקראַיִנישע נאציאָנאליסטן, באנדעראָווצעס און אז
עס באווייזן זיך אויך סאָוויעטישע פארטיזאנער. עס זענען
געמאכט געוואָרן איינצעלנע פרוון פון אָנבינדן א קאָנ־
טאקט מיט זיי. דער דאָקטער פעסט, אן אָפּשטאמיקער פון
קאָפּיטשינעצער געגנט און איצט א פליט פון טלוסטע, איז
ארויס אין וואלד, כדי זיך אָנצושליסן אין זייערע רייען,
אָבער יעדער שפור נאָך אים איז פארשווונדן געוואָרן. א
סברה, אז ער איז דורך די פארטיזאנער גופא דערהרגט
געוואָרן.

דאקעגן האָט דער קאָפּיטשיניצער תושב, דער מעדיקער
חיים אָקס־טהאלער געהאָט מער מזל. אויך ער איז אין דער
זעלבער צייט אוועק אין וואלד און נאָך דער מל.ומה צוריק־
געקומען גאנץ און געזונט.

אגב, פארן בלויזן געפינען זיך אין א וואלד האָט געדראָט טויט־שטראָף.

איין מאָל האָט זיך געהאט פארשפרייט א ידיעה, כלו־מרשט פון א גאָר זיכערער קוועלע, אז ס׳וועט אויסברעכן אן „אקציע״. אדוואָקאט ד״ר קלאנפער און גאָטפריד (דער פאָטער פון אדוואָקאט מאוריציאָ־מאָזשע גאָטפריד), ביידע מיטגלידער פון יודנראט און מקורבים פון ראָלער, זענען אוועק מיט זייערע פאמיליעס און גוטע פריינט אין דער־בייאיקן יאבלאָנאָווער וואלד, דאָרט איבערצוזיצן ביז ס׳וועט אריבער דאָס בייז. קיין „אקציע״ איז דאָס מאָל נישט פאָר־געקומען, אָבער זיי אלע זענען געכאפט און אָפגעפירט גע־וואָרן קיין טשאָרטקאָוו צו דער געסטאפּאָ. עס האָט נישט געהאָלפן די אָנגעשטרענגטע אינטערוועניץ פונעם יודנראט און קיין שום אויסלייז־געלט. הגם גענצלעך אומבאוואָפנטע, זענען זיי געוואָרן באטראכט פאר פארטיזאנער און דער־שאָסן.

אין די רייען פון דער „אָרדנונגס־ד נסט״ איז געווען צ.א. א קאָפּיטשיניצער יונגערמאן (זיין נאָמען — דאַכט זיך — קרעמער) מיט אן אטלעטישער פיגור, א געוועזענער פאָרט־ארבעטער אין גדיניע־גדאַנק. מען האָט אים געמסרט, אז ער באזיצט א רעוואָלווער. נישט באוווסט, צי האָט ער טאקע אזעלכן פארמאָגט, יעדנפאלס איז ער דערמאָרדעט געוואָרן.

די פאקטן, אחוץ נאָך אנדערע גורמים, האָבן אומעגלעך געמאכט א וואָסערע ס׳איז פארטיזאנער־באוועגונג.

עס זענען יאָ געווען עטלעכע ייִנגלעך וואָס האָבן גע־קעמפט אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער, אָבער זיי זענען אַהין געקומען נישט דירעקט פון קאַפּיטשינצע, נאָר פון לאַגער קאַמיאַנקי, ווען דער דאָזיקער איז דורך די דייטשן ליקווידירט געוואָרן. איינער פון זיי, פרעמינגער, איז צוריק־געקומען אין זיין היים־שטאָט נאָך דער באַפרייונג.

מען דאַרף באַמערקן, אַז מחמת מורא, אַז די פּאַרטיזאַנער זאָלן נישט איבערפאַלן די לאַגערן, הרגענען די אויפזעער און באַפרייען די פאַרהאַפטעטע, האָבן די דייטש אונטערגע־צונדן אַלע דערמאַנטע לאַגערן אין טאַרנאָפּאָלער געגנט צו־זאַמען מיט די מענטשן, וואָס זענען לעבעדיקערהייט פאַר־ברענט געוואָרן. דאָס מיליטער האָט אָן אויפהער געשאָסן צו די אַרויסשפּרינגנדיקע פון די ברענענדיקע באַראַקן. אַזוי זענען אומגעקומען די לעצטע צען טויזנט יידן פון טאַרנאָ־פּאָלער קרייז [57].

אָן ענלעכע דערקלערונג וועגן דער פאַרניכטונג פון לאַגער קאַמיניאַנקי האָט אָפּגעגעבן משה פיינגאָלד פון כאַראָסטקאָוו און אָנגעוויזן אויף דער דאַטע פון יולי 1943, ווי אויך, אַז ס'האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון גאַנצן לאַגער בלויז 10—15 יידן [58].

דאַקעגן דער טשאָרטקאָווער, יצחק מילער, איינער פון די אַנטלאָפענע פון קאַמיאַנקי, האָט אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע ווערסיע וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם דאָזיקן לאַגער: אין יוני 1943 האָט מען די יידן אַרויסגעפירט אויפן פעלד,

אויסגעגראָבן גריבער און אַלע געשאָסן. עס זענען אומגעקומען אַרום 4000 יידן פון טשאַרטקאָוו און אַרומיקע שטעט[59].

* * *

באַלד נאָך דעם מאַסן־מאָרד איז באַקאַנט געוואָרן אַ פרישע גזירה: די יידן, וואָס האָבן נאָך געוווינט אויף דער פעריפעריע פון דער שטאָט, מוזן ביז דעם 1־טן מאַי זיך אַריבערטראָגן אין ענגן געטאָ. און ווען אַלע זענען שוין געווען קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, איז אָנגעקומען אַ נייער באַפעל, אַז דאָס גאַנצע געטאָ דאַרף זיך „איבערזידלען" קיין טלוסטע. אָבער נאָר אַ דאַנק דעם כאַבאַר פונעם יודנראַט פון בערך הונדערט טויזנט זלאָטעס, איז די פאַראָרדענונג בטל געוואָרן. דאַקעגן האָבן די יידן פון בוטשאַטש[60] געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און פונעם 15־טן ביזן 31־טן מאַי אויסוואַנדערן קיין קאָפּיטשינעץ.

אין רעזולטאַט דערפון קומען אָן פון דאָרט יעדן טאָג פורלעך מיט יידן, ס'רוב אָרעמע און אַרבעטס־אומפעיקע. די ענגשאַפט אין „יידישן פערטל" וואַקסט מוראַדיק און דערמיט אויך די פּאַניק פאַר אַ נייער אַקציע. די צאָל יידן באַטרעפט שוין איבער 5000.

און אַזוי ווי ס'האָט זיך נאָר פאַרענדיקט דאָס איבערפירן פון די בוטשאַטשער יידן קיין קאָפּיטשינעץ, איז שוין פאָרגעקומען אַ נייער מאַסן־מאָרד.

דאָס איז געווען דעם 3־טן יוני 1943, ערב ראש חודש סיון תש"ג, אויך אַ דאָנערשטיק. כמעט אַלע בוטשאַ־

טשער זענען אריינגעפאלן, בעיקר די, פון די לעצטע טראנס־פּאָרטן, וואָס האָבן אפילו נישט באוויזן צו געפינען א פלאץ פאר זיך. די טלומעקעם בעטגוואנד און פעקלעך זאכן זענען נאָך געלעגן אויף דער גאס. ס'איז געווען א שיינע, ווארעמע נאכט, זענען די מענטשן געשלאָפן אין דרויסן, אין די קאָרעדאָרן אָדער אין די קאמערן. די רוצחים האָבן דאָס מאָל געהאט א גאָר לייכטן פאנג. די קרבנות זענען אָפּגע־פירט געוואָרן גלייך צום וואלד ביים בית־עולם. די עקזע־קוציע איז פאָרגעקומען אויף דעם זעלבן אופן, ווי די פריערדיקע, מיט דעם אונטערשיד, וואָס דאָס מאָל האָבן די ייִדן אליין זיך געמוזט גראָבן די קברים, און איין גרופּע האָט פארשיט די צווייטע, צווישן די באגראָבענע זענען געווען א סך נישט דערשאָסענע. מ'האָט דערציילט, אז די ערד האָט זיך געהויבן. (מעגלעך, אויך פון די קאָנוולסיעס פון די גוסס־דיקע.) די דאָזיקע ידיעות זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך די גויים, מוניציפּאלע מיסטרייניקער און אָפּפאל־פירער, וואָס האָבן אויפן באפעל פון דער געסטאפּאָ באגראָבן די לעצטע אויסגעהרגעטע ייִדן. די צאָל קרבנות פון דעם איינעם טאָג פון דער „אקציע" (דער דריטער לויט דער ריי) האָט באטראָפן 2700.

פון איצט אָן האָבן זיך די מאָרד־אקציעס איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג ביז דעם 11־טן יוני: באלד אויפן צווייטן טאָג נאָך דער גרויסער מאסאקרע, ד.ה. דעם 4־טן יוני, ראש חודש סיון, האָט מען געכאפּט ארום 100 ייִדן; זונטיק

דעם 6־טן און מאָנטיק דעם 7־טן ווי אויך דאָנערשטיק דעם 10־טן און פרייטיק, דעם 11־טן, בײדע טעג שבו־עות, זענען אויך פאָרגעקומען הריגות. בסך־הכל האָט באַטראָפן די צאָל קרבנות פון די 8 טעג בערך 4000 (פיר טויזנט).

נאָך דעם איז שוין געבליבן אין געטאָ נישט מער ווי א 1000 יידן.

דעם 12־טן יוני ווערן געמאַכט פארצוימונגען און טויערן פון ברעטער ארום דעם געטאָ. אָבער שוין דעם 15־טן ד.ז.מ. פאלט אויף קאָפּיטשינעץ א נייע גזירה: אלע יידן מוזן זיך פארנעמען קיין טשאָרטקאָוו במשך פון 2 טעג. ארום 400 האָבן טאקע אויסגעפילט דעם באַפעל און זענען כמעט אלע דאָרט אומגעקומען בשעת דער „אקציע".

פרייטיק, דעם 18־טן יוני ווערט באשטעטיקט א קליי־נער געטאָ אין קאָפּיטשינעץ בלויז פאר 300 מענטשן (פאַק־טיש איז געבליבן 400). די איבעריקע ווערן ארויסגעפירט אויף ארבעט אין די פאָלווארקעס: באַוואָראָוושטשיזנע, טלוסטענקיע און ביי כאָראָסטקאָוו. מ'דארף געדענקען, אז אין אָנפאנג האָבן די סאָוויעטן צעטיילט די נאַציאָנאַליזירטע פעלדער פון די גוט־באַזיצערס צווישן די פויערים. שפּעטער אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן צו שאפן פון די פויערישע פעל־דער — קאָלכאָזן און פון די שטאטלעכע — סאָווכאָזן. די דייטשע אָקופּאנטן האָבן איבערגענומען די דאָזיקע גיטער אין זייער רשות אונטער דער פארוואלטונג פון א.ג. „ליגענ־

שאפטן" און אין זיי איינגעאָרדנט ארבעטס־לאגערן.

דער ענדטגילטיקער טערמין אריבערצוגיין אין דעם פארק־לענערטן געטאָ איז געווען דער 25־טער יוני.

אין די אלע לעצטע „אקציעס" האָט זיך שוין נישט באטייליקט דער יודנראט מיט דער אָרדנונגס־דינסט. ווער פון זיי עס האָט נישט באוויזן זיך צו באהאלטן, איז דערשאָסן געוואָרן. קיינער איז נישט געשוינט געוואָרן. אלע מיטגלי־דער פונעם יודנראט און כמעט אלע יידישע מיליציאנטן מיט זייערע פאמיליעס זענען דערמאָרדעט געוואָרן. דער „אָב־מאן" הערמאן ראָלער מיט זיין משפחה האָט בכלל פאר־לאָזט די שטאָט און אוועק זיך פארבונקערן ביי א קריסט. שפעטער א פאָר וואָכן זענען זיי דאָרט אנטדעקט און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

* * *

דעם 20־טן יולי 1943, שבעה עשר בתמוז (!), האָט זיך אָנגעהויבן די ענטגילטיקע ליקווידאציע פון אלע יידן סיי אין קאָפּיטשינעץ, סיי אויף די פאָלווארקעס.

א נאכט פריער איז דאָס געטאָ באלאגערט געוואָרן דורך א פארשטארקטער וואַך פון דער געסטאפּאָ. די יידן האָבן זיך פארבאהאלטן אין די בונקערס. פאַרטאָג האָט זיך אָנ־געהויבן דער געיעג. די דייטשן זענען געווען באגלייט דורך זייערע שטענדיקע קאָלאבאָראנטן, אָבער דאָס מאָל אנשטאט דער יידישער „אָרדנונגס־דינסט" האָבן זיי געשיקט פאָרויס די אוקראַינישע מיליציאנטן אויס מורא פאר א ווידער־

שטאנד. עס האָבן זיך געהערט אויך די שטימען פון דעם שוין דערמאנטן צורר־היהודים, בעלקאַ און פון באקאנטע הימישע פאָלקס־דייטשן. הייסט עס, אויך זיי העלפן אין די הריגות.

עס זענען דאמאָלס געווען זייער הייסע טעג. אויף דעם קליינעם טייל פון בוידעם, אָפּגעצוימטן מיט א גוט פאַר־מאסקירט ווענטל, זענען מיר, א־50 מענטשן, אָפּגעזעסן אין טויט־שרעק צוויי מעת־לעתן. אונטער דעם צעגליטן דאַך פון צינק־בלעך האָט מען זיך געדושעט פון היץ און פון מאנגל אין לופט. ס'האָט שוין או סגעפעלט וואסער און ברויט. ביי א טייל פרויען באוויזן זיך סימנים פון היסטעריע און וואנזין. מען האָט געהערט, ווי שכנותדיקע בונקערס זענען געוואָרן אויפגעריסן, די מענטשן ארויסגעפירט אויפן גאס און דאָרט דערשאָסן. ס'איז אומגעלעך געווען ווייטער צו פארבלייבן אין אונדזער באהעלטעניש. ווען אין אָוונט איז די „אקציע" געוואָרן איבערגעריסן האָט מען געפרווט דעם לעצטן שאנס: ארויסגיין פון געטאָ אויף דער ארישער זייט און דאָרט זוכן א באהעלטעניש ביי א באקאנטן קריסט. דער רוב איז אויפן וועג אריינגעפאלן אין די לאפעס פון דער וואַך און דערשאָסן געוואָרן. נאָר געציילטע האָבן זיך דערשלאָגן צו דער קריסטלעכער געגנט.

די ליקווידאציע־אקציע האָט אויך געטראָפן די יידן אין דער אומגעגנט. פון די 100, וואָס זענען געווען אין דעם ארבעטס־לאגער אויף דער באוואַראָווּשציזנע, זענען 30

געהרגט געוואָרן אויפן אָרט און די איבעריקע 70, דעם 15־טן נאָוועמבער ארויסגעפירט אין אן אומבאקאנטער ריכ־טונג. קיינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען.

די יידן וואָס האָבן שוין געהאט דאָס גליק בשלום אָנ־צוקומען צו א פריינטלעכן גוי, זענען אָפט געווען אויסגע־שטעלט אויף גרויסע געפאַרן. די דייטשן האָבן צוגעזאָגט א באלוינונג, איין ק״ג צוקער און איין ליטער בראָנפן פאר אויסגעבן א ייד. עס זענען געווען אזעלכע גויים, וואָס האָבן צוגענומען דאָס פארמעגן און דערנאָך אליין געמסרט די באהאלטענע יידן אָדער אונטערגעשטעלט א צווייטן זיי צו שאנטאזשירן און איבערגעבן דער געסטאפּאָ.

אויסער דעם פלעגן פּאַרקומען רעוויזיעס אין די דערפער וועגן „קאָנטינגענט" (שטייערן פון אגראר־פּראָדוקטן) און ביי די געלעגנהייטן זענען אריינגעפאלן פארשטעקטע יידן.

בשייכות מיט דעם האָב איך פארצייכנט אין מיינע נאָטיצן פאָלגנדיקס :

אין יאנואר 1944 איז אויפן פאָלווארק באוואַראָוושציזנע אנטדעקט געוואָרן ביי א פויער מוניע דרעסלער מיט זיין פאמיליע, צוזאמען 3 נפשות. אן ענלעכן גורל האָבן געטיילט דער בלעכער שאיאָוויטש און נאָך 2 יידן, וועלכע זענען געווען באהאלטן ביי דעם גלח פעלוועצקי (אָדער ראצישעווסקי ?) און די פרוי האליטשער מיט א רע 2 קינדער, פאר־שטעקט ביי א גוי אויפן דאָרף.

ד״ר ראָזענשטאָק מיט זיין פאמיליע, צוזאמען 4 פער־

זאָן, זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין זייער באַהעלטעניש ביי א פויער.

אין כאַראַסטקאַוו זענען אַנטדעקט געוואָרן 12 יידן.

דעם 7־טן מערץ, שוין אַזוי נאָענט צום טאָג פון דער באַפרייונג, איז דערשאָסן געוואָרן א ייד (זיין נאָמען איז מיר נישט איבערגעגעבן געוואָרן) ווי אויך די פרויען רבקה פרייזינגער און פאַני נאַגלער, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן ביי דער קריסטין, פרוי מאַרולאַווא.

* * *

צווישן די ווייניקע, וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס געטאָ אין דער נאַכט פון זיין ליקווידאַציע, האָט א בעסער מזל געהאַט אונדזער שוין דערמאָנטע גרופּע. דער ציל איז געווען אָנצו־קומען צו יאַנינא (יאַנקאַ) סאָלעצקאַ, מיט וועלכער סאַבינאַ (בינציע) האָט איז געווען זייער גוט באַפריינדעט.

די סאָלעצקאַ, שוין נישט קיין יונג מיידל, איז געווען אַן אייגנטימערין פון א גרויס הויז מיט א גאָרטן און סאָד אין קאָפּיטשינצע און פון א פּאָלוואַרקל אין א שכנותדיקן דאָרף, וואָס איז דורך די סאָוויעטן „נאַציאָנאַליזירט" (פאַר־שטאַטלעכט) געוואָרן.

יאַנקאַ האָט געהערט צו דער עליטע פון דער פּוילישער פּאַטריאָטישער געזעלשאַפט אין דער שטאָט.

די טונקלקייט פון דער קורצער זומער־נאַכט האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער, ווען מיר האָבן דערגרייכט איר גאָרטן. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט צווישן די, מיט טוי

באדעקטע, הויכע שטאנגען פון די צוקער־שויטן און סאבינא איז אליין צוגעגאנגען צו דער ווינונג פון איר פוילישער פריינדין. מיט דער געהעריקער פאָרזיכטיקייט — אין דעם פארטער־הויז האָבן געוווינט נאָך דריי פאמיליעס, דע־רונטער איינע פון א געפערלעכן „פאָלקס־דויטש" — האָט זי איר איבערגעגעבן וועגן אונדזער לאגע. די סאָלעצקא האָט דערקלערט, אז זי פון איר זייט איז גרייט אונדז צו געבן די ווייטגייענדיקסטע שוץ, נאָר האָט מורא פאר איר לאָקא־טאָר האודעק. בכן, איז איר עצה, זיך צו ווענדן דירעקט צו אים, ער זאָל אויך באווויליקן אונדז אויפצונעמען.

פראנצישעק האודעק איז געווען א פוילישער פאָסט־באאמטער, וואָס איז געבליבן ארבעטן אויף זיין שטע־לע אויך אונטער דער אָנפירערשאפט פון א ס.ס.־אָפיציר (אן אנטיילנעמער אין די „אקציעס") און איז איצט אָנגע־גאנגען פאר א פאָלקס־דייטש. די קרייזן, צו וועלכע ס'האָט געהערט סאָלעצקא, האָבן זיך באצויגן צו אים מיט אומ־צוטרוי.

באין ברירה האָט בינציע או סגעפאָלגט די עצה פון איר געטרייער פריינדין. זי האָט אָנגעקלאפט אין פענצטער פון האודעקס צימער. ווען ער האָט זי דערזען אין דער פארטאָגיקער גרויקייט, האָט ער זיך שטארק דערשראָקן. האו־דעק האָט זי געקענט פון אירע אָפטע באזוכן ביי זיין באַ־לעבאָסטע.

ביי א פריערדיקער „אקציע" איז בינציע געזעסן באַ־

האלטן אין א קעמערל פון קוילן אין דעם הויז. אין מיטן העלן טאָג איז האודעק צופעליק דאָרט אריין און זי דערזען. בינציע איז גלייך אנטלאָפן און זינט דאמאָלס פאר אים פאר־שווונדן. האודעק איז געווען זיכער, אז זי איז אומגעקומען, און הפנים ער האָט זיך געפילט שולדיק אין איר טויט.

איצט ווען זי האָט אים פּלוצים פאַרטאָג אויפגעוועקט פון א טיפן שלאָף, האָט ער אויפגעציטערט, מיינענדיק, אז דאָס איז נישט אנדערש, נאָר איר גייסט...

עס איז אים אויך נישט געווען ניחא, אז אויף זיין הויף זאָל קומען צו בלוט־פארגיסונג. קיין סך צייט צו טראכטן איז שוין נישט געבליבן — די שאָטנס פון דער נאכט ווערן צערינען, עס ווערט אלץ העלער. דעריבער האָט ער באלד איינגעשטימט דערוויייל אונדז צו געבן א באהעל־טעניש .ער האָט אונדז דערלויבט אראָפּצוגיין אין א קעלער, גאנץ ווייט פון די וווינונגען, אים נישט פארשלאָסן, ס'זאָל הייסן, אז מיר זענען דאָרט אריין אָן זיין וויסן.

* * *

אין דרויסן ארום אונדזער קעלער איז אָנגעגאנגען א נאָרמאל לעבן. דורך דעם קליינעם פענצטערל האָבן מיר גע־הערט, דאָס פריילעכע סווישטשען פון די פייגעלעך, דאָס גאָגערן פון עופות און הירזשען פון פערד. שנירלעך שטראלן האָבן זיך פארגנבעט און באלויכטן די טונקעלע, געמויערטע ווענט, פון אונדזער „גליקלעכן" מקום מנוחה.

פון צייט צו צייט זענען צו אונדז אויך דערגאנגען

אָפּהליכן פון שאָסן. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין יאַגד פון מענטשן אויף ווילדע חיות, נאָר פאַרקערט — אַ יאַגד פון ווילדע חיות אין אַ מענטשלעך געשטאַלט אויף אומשולדיקע יידן.

אין דעם געווירבל פון קאָשמאַרע מחשבות שלענגלט זיך מיר אַ סטראָפקע פון ביאַליקס אַ שיר: „די זון האָט גע־לויכטן... און דער שוחט האָט געשאָכטן...״

אַזוי זענען מיר געזעסן (אייגנטלעך געשטאַנען, ווייל דער קעלער איז געווען גענצלעך ליידיק) אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. דאַן האָט יאַנקאַ אונדז אַריינגעבראַכט ברויט און מילך. אויך האודעק איז אַריינגעקומען און קודם פאַרלאַנגט, מיר זאָלן איצט אונטערן דעק פון דער פינצטער־ניש פאַרלאָזן דאָס אָרט. אָבער נאָך אַ לענגערן אַרגו־מענטירן, ענדלעך איבערצייגט, אַז ס׳וועט אים לוינען אונדז אויסצובאַהאַלטן און נאָכן אייניקן זיך מיטן פּרייז פון „דירה״־געלט, האָט ער אונדז איבערגעפירט אין אַ קאַמער, וואָס איז געווען באַשטימט אויף פאַר אַ ציג און עופות. אַ טייל איז געווען אָפּגעצוימט מיט אַ וואַנט פון געהאַקט האָלץ. דאָרט האָבן מיר אין די נעכט אַליין אויסגעגראָבן אַ בונקער און געמאַכט אַ גוט מאַסקירטע עפענונג. האודעק האָט אָפּגע־רוימט די ערד.

* * *

אין אָנפאַנג האָט די סאָלעצקאַ אונדז באַזאָרגט מיט עסן, פאַר וועלכן מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, גערן און מיט

דאנקשאפט באצאָלט. אָבער נאָך א קורצער צייט האָט זי דערקלערט, אז זי מוז אונדז פארלאָזן און ארויספאָרן פון דאנען, ווייל אירע נערוון האלטן מער נישט אויס; זי שלאָפט נישט גאנצע נעכט אויס מורא, טאָמער וועט מען אונדז אנטדעקן. זי וועט עס נישט אויסהאלטן — האָט געזאָגט די איידעלע יאנקא און געראטן, מיר זאָלן ערלעדיקן מיט האודעקן, דאָס ליפערן פון עסן. מיר האָבן אויסגעפאָלגט איר פארלאנג. פון דאמאָלס אָן זענען מיר געוואָרן פולשטענ־דיק אָפּהענגיק פון אים, ווי דעם איינציקן איצט האר פון אונדזער לעבן אָדער טויט.

זיין באציונג צו אונדז, הגם א קאָמערציעלע, איז דאָך אין אלגעמיין געווען אן אנשטענדיקע. אמת, עס האָבן אויך נישט געפעלט עטלעכע גאָר קריטישע מאָמענטן, און דאָס אין מיטן ווינטער, ווען ער האָט אומבאדינגט און דרינגענדיק געפאָדערט פון אונדז אוועקצוגיין. ער האָט מורא געהאָט, מ׳זאָל נישט אנטדעקן דאָס באהעלטעניש, בעת די רע־וויזיעס און ער זאָל נישט דערביי קאָמפּראָמיטירט ווערן. אָבער מיר האָבן נישט געהאט וואוהין זיך צו ווענדן און בכלל נישט געקענט ארויסגיין פון בונקער אפילו איין שפאן. עס האָט דאָך געדראָט א זיכערער טויט. האָבן מיר זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר באמיט זיך מיט אלע מיטלען אים צו בארואיקן און איבערצייגן, ער זאָל אונדז ווייטער האלטן. מיר האָבן אויך געוווסט וועגן זיינע שוואכע זייטן. ער האָט פארמאָגט אביסל אן אוואנטוריסטישע און ספּעקולאנטישע

נאטור. מיר האָבן אים געגעבן די געלעגנהייט אָנצוזאמלען אביסל געלט און גלייכצייטיק אָן אטוט צו קענען שפּעטער רעהאביליטירן זיין נאָמען, זיך פארטיידיקן קעגן עווענטועלע באשולדיקונגען אין קאָלאבאָראציע מיט דעם פאקט פון ראטעווען 4 יידישע לעבנס.

אחוץ דעם איז ער געווען א גלייביקער קאטאָליק און געהאט אביסל געוויסן. אין די רעכענונגען איז ער געווען פאר־העלטנישמעסיק אָרנטלעך.

אונדזער אויסהאלט איז געווען פינאנסירט פון דעם געלט פון דעם דערמאָנטן משה ראָטמאן, וועלכער האָט געהאט באגראָבן עטלעכע טויזנט דאָלער. ווען ער איז געווען אין יאנאָווער לאגער, האָט ער מיר שריפטלעך אָנגעוויזן מיט רמזים די סימנים, ווו דאָס געלט צו געפינען. מיר איז גע־לונגען עס אויסצוגראָבן און באהאלטן — איינגענייט אין מיין רעקל.

אגב, דעם צווייטן טאָג איז מען דורך א מס רה, געקומען פונעם יודנראט זוכן דעם מטמון. מ׳האָט געגראָבן כמעט אויף דעם זעלבן אָרט, אָבער, נאטירלעך, שוין גאָר נישט געפונען...

א דאנק דעם קאפּיטאל האָבן מיר פיר מענטשן זיך געקענט ראטעווען.

* * *

דער ריקצוג פון דער דייטשער ארמיי איז שוין געווען אין פולן גאנג.

שבת, דעם 11־טן מערץ 1944, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאַפּיטשינעץ אויף דעם צוריק־וועג פון רוסלאַנד אַן אָפּטיילונג פון דעם יידישן ארבעטס־באַטאַליאָן ביי דער אונגאַרישער ארמיי. זיי האָבן געטראָגן זעלנערישע מונדירן און היטלען, נאָר אָן אָפּצייכענונגען, ווייסע ברעזענטענע גאַרטלען (פּאַסקעס) און נישט געהאַט קיין שום וואָפן. די פאָרמאַציע האָט געדאַרפט אויספירן פאַרשידענע שווארצע ארבעטן א 30—50 ק״מ פונעם פראָנט, ווי גראָבן שאַנצן א.א.וו.

אויך פריער, אין דער צייט פון פאַרויסמאַרש פון דער דייטשער ארמיי אויף מזרח, האָט שוין סטאַציאָנירט אין קאַפּיטשינעץ אַן איינהייט פון אזא ארבעטס־באַטאַליאָן און גראָד דאַמאָלס זענען פאָרגעקומען מאָרד־אַקציעס. ס׳איז געווען מערקווירדיק: בעת אין געטאָ האָט זיך געגאָסן יידיש בלוט, האָבן זיך געפונען אין א צווייטער טייל שטאָט יידן, אויף וועלכע די געסטאַפּאָ האָט קיין שליטה נישט געהאַט. די דאָזיקע אונגאַרישע יידן זענען נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיטן געטאָ.

אָבער אין דעם דערמאָנטן שבת איז אומגעריכט פאָרגעקומען א געשעעניש, וואָס האָט אונדז טיף באַאיינדרוקט.

דעם טאָג זענען מיר געזעסן פון דער פרי ביזן אָוונט אין דעם „בונקער בתוך בונקער״, ד.ה. אין דעם גרוב. האָודעק האָט אונדז געוואָרנט, אַז זשאַנדאַרן גייען ארום אויף רעוואַזיעס וועגן זאַכן, וואָס מען האָט צוגענומען פון די שוין ליקווידירטע דייטשע מאַגאַזינען.

אין אָוונט האָבן מיר געהערט אויפשליסן די קאמער (שטאל). איך בין ארויף פונעם אונטערשטן בונקער, כדי זיך צו דערוויסן עפעס נייעס. דער באַלעבאָס איז אריינגעקומען אין דער פינצטער מיט אַן עלעקטריש לעמפל אין דער האנט און האָט מיר שעפטשענדיק דערציילט, אז ביי אים אין הויז געפינען זיך אויף קווארטיר „אונגארישע זעלנער". איינער פון זיי האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אים, אז ער איז א ייד און האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי און ווי עס געפינען זיך יידן אין שטאָט. דער קריסט האָט זיך פאַר אים פארטרויט, אז ער אליין האלט טאקע ביי זיך עטלעכע יידן, און אויב דער „מאדיאר" וויל אזוי שטארק זיי זען, וועט ער זיי אים ווייזן.

מיר איז די זאך זייער נישט געפעלן געוואָרן. כ'האָב מורא געהאט, אפשר איז עס א פראָוואָקאציע אונדז ארויסצובאקומען. אָבער נאָך איידער איך האָב באוויזן צו געבן מיין הסכמה, איז שוין פון דער פינצטערניש ווי ארויסגעוואקסן נעבן מיר א סאָלדאט. איך האָב אויפגעציטערט. ער איז גלייך אויף מיר ארויפגעפאלן, געהאלדזט און געקושט, פליסטערניק אין א צעבראָכענעם יידיש: „איך ייד, גלייך דו".

ער פרעגט מיך אויף די אנדערע. איך האָב נאָך אלץ נישט קיין צוטרוי. כ'טראכט: מילא, איך בין שוין אריינגעפאלן, אָבער אפשר וועלן זיי זיך נאָך קענען ראטעווען. איך ענטפער: מער איז דאָ קיינער נישטאָ. דער סאָלדאט

זעט, אז איך היט זיך פאר אים, נעמט ער אַרויס זיין אידענטיטעטס־דאָקומענט און ווייזט מיר. איך ליין ביים שיין פונעם לעמפּל: — אנטאָן ראָזענבערג, איזראעליט. דאָס איבערצייגט מיך. איך פאַרבעט איס אָראָפּצוגיין אין בונ־קערל. ער צעקושט זיך אויך מיט די אנדערע דריי מענטשן און שטעלט זיך פאָר. זיין ידישער נאָמען איז אשר אנשל און ער איז פון קלויזענבורג. ער ווייזט אונדז אויך די פאָ־טאָגראַפיע פון זיין פאַמיליע, גיט איבער אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט, און מיר — אים וועגן דער אויסראָטונג פון די ידן אין די געטאָס און אויך אונדזערע פערזענלעכע טראַגישע איבערלעבענישן ביזן אָנקומען אויף דעם א צטיקן אָרט. דער מערקווירדיקער גאַסט איז טיף באַ־איינדרוקט געוואָרן. ער האָט בינציען געשאָנקען א טאַשן־שפּיגעלע און אונדז א לוח פון תש״ד, (פון וועלכן עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז לויט דעם, וואָס מיר האָבן זיך אליין פאַרפאַסט פונעם זכרון, איז טאַקע געווען א טעות אין איין טאָג.)

אויף צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען און איבער־געגעבן די נייעס, אז טאַרנאָפּאָל איז צוריק אין די רוסישע הענט. (די שטאָט איז געהאַט איבערגעגאנגען עטלעכע מאָל צום שונא). ער האָט וועגן אונדז דערציילט זיינעם א חבר, אויך א זעלנער, און דער האָט א געוואַלטיקן חשק אונדז צו באַזוכן. מיר זענען מסכים דערויף. ביי נאכט זענען זיי בײדע געקומען. דער צווייטער איז געווען א יינגער

בחור מיטן נאָמען פרידמאַן. אויך ער האָט אונדז געוויזן זיינע דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס פון דער משפחה. זיי האָבן אונדז געבראַכט שווייצער קעז און חזיר־פעטס, ווי אויך אביסל טאַבאַק. דאַקעגן מיר האָבן זיי באַשאַנקען מיט 2 קאָמפּלעטן שאַך־פיגורן, וואָס מיר האָבן געהאַט אליין אויסגעשניצט פון האָלץ פאַר א צייט־פאַרטרייב.

זיי האָבן געזאָלט פון דאַנען אָפּפאָרן קיין סטאַניסלאַוו אין אין א פינף טעג ארום דערגרייכן די גרענעץ פון זייער לאַנד, וואָרעם די אונגאַרן ציען זיך שוין צוריק פון די קאַמפן.

זיי האָבן זיך מיט אונדז וואַרעם און האַרציק געזעגנט, צעקושט און צוגעזאָגט צו לאָזן פון זיך הערן. לײדער אָבער, ווי מיר האָבן זיך אין א צייט ארום דערוווּסט, זענען די ייִדן פון דעם אונגאַרישן ארבעטס־באַטאַליאָן דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, איידער זיי האָבן באַוויזן זיך אומצוקערן אין זייער פאָטערלאַנד[60].

* * *

דעם 21־טן מערץ ביי נאַכט איז די שטאָט עטלעכע מאָל העפטיק באַמבאַרדירט געוואָרן דורך רוסישע אעראָפּלאַ־נען. מיר האָבן זיך זייער געפרייט, אז דער נצחון איז שוין אזוי נאָענט, אָבער גלייכצייטיק זיך געשראָקן, נישט צו ווערן געטראָפן ערב דער סאַמע ישועה פון די באָמבעס, וואָס זענען באַשטימט פאַר אונדזערע שונאים. דאָך האָבן מיר געבענטשט די סאָוויעטישע פליער און זיי געוווּנטשן

א גיכע הצלחה אין זייער מיסיע.

אויף צומאָרגנס, דעם 22־טן מערץ 1944, נאָך א שטאַרקער ארטילעריע באשיסונג האָט זיך די רויטע ארמיי אדורכגעריסן פון כאַראָסטקאָוו דורך יאבלאָנאָוו און איינגענומען קאָפּיטשינצע ווי אויך הוסיאַטין. באלד האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן איינצעלנע אויסגעמאַטערטע ייִדן, וואָס זענען ארויס פון די פינצטערע לעכער.

מיר זענען שוין ווידער פרייע מענטשן. עס דראָט נישט מער די שענדלעכע קויל פון דייטשע מערדער, אָבער די פרייד איז געמישט מיט טרויער, נאָך די נאָענסטע און טייערסטע, וועלכע זענען לײַדער אזוי אכזריותדיק אומגעקומען און דעם אזוי געגאַרטן מאָמענט נישט דערלעבט. כמעט יעדער פון די שרידים איז געבליבן איינזאַם און עלענד, אָן די עלעמענטאַרסטע מיטלען צום לעבן, פיזיש צעבראָכן, גייסטיק צערודערט און נישט געוווּסט, וואוהין צו ריכטן די ערשטע שריט.

איצט זייענדיק געזעצלעך פריי, גלייך מיט אלע מענטשן, פילט מען נאָך שטאַרקער דאָס אומגעהויערע אומגליק. כל זמן מען איז אליין געווען גערודפט און יעדע רגע אויסגעשטעלט אויף טויט־געפאַר, זענען אלע נערוון געווען אָנגעשפּאַנט מיט דעם ביטערן קאַמף פאַר איין ציל: לעבן, דערלעבן די נקמה. יעדער טאָג, וואָס איז פאַרביי, יעדע נאַכט — איז געווען א שטיק לעבן, ארויסגעריסן פון שונאס לאַפּעס. אָבער איצט, צווישן נאָרמאַל לעבעדיקע

מענטשן, זעט מען ערשט, ווי אויסטערליש ס׳איז די יידישע טראגעדיע.

דאָס הייפעלע יידן דרייט זיך ארום ווי שאָטנס. יעדער פון זיי איז אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, דערשלאָגן און פאַרווירט. מ׳ווייסט נישט וואָס צו טון מיט דעם טייערן „אוצר" — דאָס ביסל לעבן, וואָס מ׳האָט מיט אזוי פיל מי און אָנשטרענגונג ארויסגעראַטעוועט פון דעם מלאך־המות׳עס נעגל. מ׳פילט זיך פרעמד, ווי אַן אָפּגעהאַקטע צווייג, און אַן א באָדן אונטער די פיס.

די אומגליקלעכע טוליען זיך איינער צום אנדערן, האלטן זיך צוזאמען גרופּנווייז: ביים באקאנטן דענטיסט טייג און זיין פרוי, ביי ד״ר גלאזנער (א יינגער מעדיקער, שטאמט פון כאַראַסטקאָוו) מיט זיין פרוי מעליטקע ראָזענבוים און ביי כאסקעל זיידענבערג, געוו. אייזן־קרעמער אין קאָפּיטשינעץ.

ס׳איז ווייטער א מורא ביי נאכט ארויסצוגיין אין גאס, וואָרעם אין דער געגנט בושעווען באנדעראָווצעס און בולבאָווצעס, אוקראַינישע נאציאָנאַליסטישע טעראָר־באנדעס, וואָס קעמפן קעגן די סאָוויעטן און הרגנען יידן.

דעם 3־טן אפּריל איז די פּאניק נאָך מער געשטיגן. עס זענען אָנגעקומען פּליטים פון טשאָרטקאָוו און האָבן דערציילט, אז די דייטשע ארמיי איז שוין ווידער אין יאגיעלניצא־נאגוזשאנקא.

דעם 4־טן אפּריל האָט שוין די לאגע אויסגעזען העכסט

געפערלעך. געווען א שמועה, אז אויך טשאַרטקאָוו איז געפאַלן. די טראַגישע רעשטלעך פאַרלאָזן קאַפּיטשינעץ און אנטלויפן צו פוס אין דער ריכטונג פון גזשימאַלאָוו (רי־מאַלאָוו).

א פּאָר טעג שפּעטער, ווען דער פראָנט האָט זיך דער־ווייטערט, איז מען ביסלעכווייז צוריקגעקומען צו די חרובע היימען.

ערשט נאָך עטלעכע וואָכן האָב איך געהאַט די גע־לעגנהייט צו באַזוכן הוסיאַטין און דאַמאָלס פון גאַנצן יידישן ישוב אָנגעטראָפן בלויז די פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ד״ר ישפה מיט זיין פרוי און טאָכטער אָלגא; משה׳לע אלטשילער, זיין פרוי און זון דב׳עק; פּיווויש אלטשילער מיט זיין שוועסטער צילא; בעטקא שטערנזיס, דעם שוחטס טאָכטער; פרוי דינה שעכטער, פאַרהייראַט שערץ, איר שוועגערין יעט־קא מיט איר שוועסטער בוזיא שמידט, די אלע דריי פון וואַסילקאָווצע; שיע׳קע קורץ; ד״ר עטקין און דעם ציין־טעכניקער מאַרקוס מיט זיין פרוי (אָפּשטאַמיקע פון טאַר־נאָפּאָל). מעגלעך, אז עס זענען געווען נאָך א 2—3 מענטשן, מיט וועלכע איך בין נישט געקומען אין באַרירונג.

מיט דעם פאַרענדיקט זיך די כראָניק פון חורבן אין מיין טאָג־בוך.

* * *

עס האָבן זיך געראַטעוועט פון נאַצישן פאַרלענד נאָך עטלעכע הוסיאַטינער, וואָס זענען געווען מאָביליזירט אין

דער „רויטער ארמיי״, אָדער האָבן באוויזן צו אנטלויפן קיין רוסלאנד פאר דער דייטשער אינוואזיע. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן אין פוילן. דער רוב האָט אויפגעבויט זייער נייע היים אין ישראל.

דאָס איז דער סך־הכל פון דעם אַמאָל בארימטן, 500־יעריקן, יידישן ישוב אין הוסיאטין און פון דער גרעסערער קהילה אין דער קרייז־שטאָט קאָפּיטשינצע.

באמערקונגען

1) Słownik geograficzny Królestwa Polskiego i innych krajów słowiańskich, Tom III, str. 222.

2) פראָפ. מאיר באלאבאן — „לתולדות התנועה הפראנקית", חלק א', ז. 20.

3) פראָפ. מאיר באלאבאן — „יידן אין פוילן", ז. 263/4.

4) ש. דובנאָוו — „וועלטגעשיכטע פון יידישן פאָלק", באנד 6, ז. 315.

5) M. Bałaban — „Żydzi lwowscy na przełomie XVI i XVII wieku", str. 506/7.

6) ש. דובנאָוו — ווי פריער, ז. 308.

7) ש. דובנאָוו — ווי פריער, באנד 7, ז. 24 און 26.
אין בוך "Ogniem i mieczem" (מיט פייער און שווערד) פונעם בארימטן פוילישן שרייבער הענריק סיענקיעוויטש, ווערט אויך דערמאנט די שטאָט הוסיאטין בשייכות מיט די בלוטיקע געשעענישן פון יענער צייט.

8) Janusz i Czołowski — "Przeszłość i Zabytki Województwa Tarnopolskiego", str. 76.

9) פראָפ. מ. באלאבאן — „יידן אין פוילן", ווי פריער.

10) ווי פריער, Słownik geograficzny...

11 מ. באלאבאן — „יידן אין פוילן", ווי פריער.

12) Schorr M. — Żydzi w Przemyślu,

13) מ. באלאבאן — „לתולדות התנועה הפראנקית", ז. 24.

14) ש. דובנאָוו — ווי פריער, באנד 6, ז. 309.

15) ד"ר רפאל מאהלר — „תולדות היהודים בפולין", ז. 157 א"א.

16) מ. באלאבאן — „לתולדות התנועה הפראנקית", ז. 137.
אין בוך „והאש השאירה אפר" פון א. ש. שטיין ווערט דערציילט, אז אין קאָפּיטשינעץ האָט פראנק פארבראכט א נאכט מיט זיינע חסידים אין הויז פון וואָלף ליובין (ז. 95—97) און

אז חיים „קאַפּיטשינעצער" האָט נאָכן שמד געהייסן מאַטושעווסקי (ז. 281).

17) ש. דובנאָוו — ווי פריער, באַנד 7, ז. 390.

18) אין דעם דאָזיקן יאָר, אגב, איז געבוירן דאָס אוראייניקל פונעם בעש"ט, דער גרויסער צדיק מיט דער טיף פּאָעטישער נשמה, ר' נחמן בראַצלאַווער. היסטאָריקער פאַרבינדן אַן עפּיזאָד פון זיין לעבן מיט א מקום מיטן נאָמען הוסיאַטין. אָבער עס איז א טעות צו מיינען, אז עס גייט אין דער באַהאַנדלטער שטאָט הוסיאַטין.

ד"ר י. צינבערג („די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 8, ז. 134) שרייבט: „צי דרייצן יאָר האָט מען דעם יונגן נחמנען חתונה געמאַכט און ער איז אַריבערגעפאָרן צו זיין שווער, דעם עושר אין דאָרף הוסיאַטין, נישט ווייט פונעם שטעטל מעדוועדאָווקע".

ד"ר ש. א. האָראָדעצקי („החסידות והחסידים", ספר שלישי, ז. י"ט) רעדנדיק וועגן דעם פּרט, גיט אָן: „...אין דאָרף הוסיאַטין..."

האנציקלופדיה העברית, באַנד כ"ה, ז. 39, שרייבט בנוגע דעם: „...אין דאָרף הוסיאַטין, נאָך דעם איז ער אַריבערגעגאַנגען קיין מעדוועדאָווקאַ". דאָס לעצטע וואָרט איז געשריבן מיט רוסישע בוכשטאַבן.

ש. דובנאָוו („תולדות החסידות", ז. 291), באַציענדיק זיך צו דעם זעלבן, גיט איבער: „ווען נחמן האָט דערגרייכט דעם אַלטער פון 14 יאָר, האָט מען אים חתונה געמאַכט פאַר א פּרוי פון קליינעם שטעטל מעדוועדאָווקאַ, וואָס איז נאָענט צו אומאַן (קרייז קיעוו)".

און לאַמיר נאָך ציטירן אליעזר שטיינמאַן („כתבי רבי נחמן", ז. 5), וואָס דערציילט וועגן דער זעלבער געשעעניש אין לעבן פון גרויסן צדיק: ...„אין דאָרף הוסאַטין..., שפּעטער האָט ער זיך איבערגעצויגן אין שטעטעלע מעדוועדאָווקאַ".

פון די אַלע ציטאַטן איז קלאָר, אז עס האַנדלט זיך נישט אין אונדזער גאַליציישער שטאָט הוסיאַטין און אויך נישט אין דעם שכנותדיקן, רוסישן שוועסטער־שטעטל, נייערט אין א דאָרף גראָד אויך מיטן נאָמען הוסיאַטין אָדער הוסאַטין, וואָס ליגט

נאָענט פון שטעטל מעדוועדאָווקא, ביי אומאַן, אין קיעווער קרייז.

19) ד״ר י. צינבערג — „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ידן״, באַנד 8, ז. 14.

20) פנחס שרלג — „בעיר מצער״, א מאמר אין „ספר חורוסטקוב״, ז. 32.

21) ווי פריער, Słownik geograficzny...

22) ענציקלאָפּעדיא יודאיקא, באַנד 3, ז. 293. יעווריעיסקאיא ענציקלאָפּעדיא, באַנד 6, ז. 853.

23) ש. אַנ־סקי (שלמה־זיינוויל ראַפּאָפּאָרט) — „חורבן יהו־דים בפולין, גליציה ובוקובינה״, חלק רביעי, ז. 382 און ווייטער.

24) ש. דובנאָוו — ווי פריער — באַנד 10, ז. 420.

25) בקי (בענדזשאַמין) דיימאָנד — אַן אַרטיקל אין „הו־סיאַטין״ — יזכור־בוך.

26) אַנ־סקי — ווי פריער, ז. 354/5.

27) ד״ר גרשון לעווין — „אין וועלט־קריג״, ז. 71 א״וו, ציטירט אין אָריגינעלן אויסלייג.

28) ר׳ ישראל, אַן אייניקל פון 5־טן דור פון דעם באַרימטן רבין ר׳ דב בער „המגיד״ פון מעזריטש, דעם תלמיד און יורש פון בעש״ט, איז שוין יונגערהייט געוואָרן באַרימט ווי א הייליקער צדיק אלס אדמו״ר אין זיין געבוירן־ שטאָט פּאָהאָראָבאָשטש (פּראָבישטש) און שפּעטער אין ריזשין (קיעווער גובערניע). פון וואַנען עס נעמט זיך זיין ביי־נאָמען „דער ריזשינער״. ער האָט דאָרט געפירט א לוקסוס־אַרטיק „הויף״. פאַרדעכטיקט דורך דער צאַרישער פּאָליציי אין קעניגלעכע און משיחישע אַספּיראַציעס און שפּעטער מחמת א מסירה אין זיין פאַרמישט אין א מאָרד איבער א ידישן מוסר, איז ער געזעסן 22 חדשים אין תפיסה אין קאַמעניץ און אין קיעוו. ער איז געצוווּנגען צו וואַנדערן פריער קיין קישיניעוו, דאַן קיין יאַסי און לסוף באַזעצט ער זיך אין סאַדיגורא (בוקאָווינע־עסטרייך), ווו ער פירט ווייטער א לוקסוסדיקן „הויף״ אין אַן אייגענעם פירסטלעכן פּאַלאַץ, צענדליקער טויזנטער חסידים באַשענקען אים מיט גאָלד און זילבער. ער רופט אַרויס באַוווּנדערונג און גרויס רעספּעקט אויך ביי אַנדערע צדיקי־הדור און צווישן זיי ביי דעם רבי ר׳ אברהם יהושע העשל, דעם „אַפּטער״. דער רבי ר׳ ישראל האָט געהאַט

6 זין, פון צווישן וועלכע דער רבי ר׳ אברהם יעקב האָט געשאפן דעם סאדיגורער אָפּצווייג פון דער ריזשינער גזע, דער רבי ר׳ דוד משה — די טשאָרטקאָווער, און דער יונגסטער. ר׳ מרדכי שרגא פייוויש (ר׳ מאָטעלע) — די הוסיאטינער די־נאסטיע. (ד״ר האָראָדעצקי — ווי פריער, ז. ק״א וכו׳).

29) האנציקלופדיה העברית, באנד י״ג, ז״ז 895—894.

30) ווי פריער, ...Janusz i Czołowski — „Przeszłość

31) מיר האלטן פאר נויטיק אויף דעם אָרט איבערצוגעבן די וויכטיקסטע אינפאָרמאציעס וועגן דער דאָזיקער בארימטער רבישער „דינאסטיע״.

אין ווין האָבן זיך ארום דעם הוסיאטינער רבין קאָנצענטרירט טויזנטער חסידים און סימפּאטיקער. ער האָט אונטערשטיצט דעם רעליגיעזן ציוניזם און געווען נאָענט צו דער „המזרחי״־באוועגונג. אין 1937 איז ער עולה געווען קיין א״י און זיך באזעצט אין תל־אביב. דאָ איז דער רבי געשטאנען אין אן ענגן קאָנטאקט מיט די ישובים פון „הפועל המזרחי״ און די רעליגיעזע דער־ציונגס־אינסטיטוציעס. ער איז נפטר געוואָרן אין 1949, אלט זייענדיק 91 יאָר.

די פירונג פון „הוסיאטינער הויף״ אין תל־אביב האָט איבער־גענומען זיין ברודערס זון און איידעם, דער רבי ר׳ יעקב פרידמאַן, זון פון ר׳ יצחק פון באָהוש, וואָס אין באציונג צום רעליגיעזן ציוניזם איז ער געגעאנגען אין די וועגן פון זיין גרויסן פעטער און שווער. נאָך זייענדיק אין זיין מחיצה אין ווין, האָט ר׳ יעקב שטודירט אייראָפּעישע שפּראכן, פי־לאָזאָפיע און מאטעמאטיק. ער איז נפטר געוואָרן אין 1957, אין עלטער פון 80 יאָר. (האנציקלופדיה העברית — כנ״ל).

זיין זון, ר׳ יצחק פרידמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ענלעכע מעלות, ווי זיינע פאָרגענגער, איז געווען דער לעצטער צדיק און רבי פון דער „הוסיאטינער דינאסטיע״. ער איז נפטר געוואָרן אין 1968 און געקומען צו קבורה אין טבריה, ווו עס געפונען זיך אויך די קברים פון זיין זיידן, רבי ישראל, און זיין פאָטער רבי יעקב. (א. י. אביטוב — לקט רשימות ומאמרים, ז. 6).

עס זענען געווען נאָך גרויסע צדיקים אדמו"רים, אָפּשטאַמיקע פון הוסיאַטין, ווי דער רבי מנחם נחום (ר' נחומ'ניו), דער זון פון ר' שלום יוסף, דעם יונגערן ברודער פון רבין, ר' ישראל פרידמאַן, און איידעם פון דעם לעצטן. פריער איז ער געווען צוזאַמען מיט זיין שווער אין ווין, שפּעטער אין 1937 האָט ער זיך באַזעצט אין לעמבערג, און אין 1943 אומגעקומען ווי א קדוש אין א נאַצישן לאַגער.

רבי משה (ר' משה'ניו), א ברודער פון ר' נחומ'ניו און תלמיד פון זיין גרויסן פעטער, ר' ישראל פון הוסיאַטין, איז געווען דער איידעם פון באָיאַנער רבין. נאָך דער פּטירה פון זיין שווער, איז ר' משה'ניו דאָרט אויפגענומען געוואָרן אלס רבי. שפּעטער, אין 1925, האָט ער איבערגעפירט זיין „הויף" קיין קראָקע. נאָך דער פּטירה פון ר' מאיר שפּירא, איז ער געווען דער גייסטיקער מנהיג און עקזאַמינאַטאָר פון דער באַ־רימטער ישיבה „חכמי־לובלין". אין 1940 איז ר' משה'ניו אריבער קיין טאַרנאָוו, פון וואַנען ער איז אין 1943 צוזאַמען מיט די דאָרטיקע יידן ארויסגעפירט געוואָרן דורך די נאַציס און אומ־געקומען, לויט איין ווערסיע אויפן וועג אין וואַגאָן, וואָס איז געווען פול מיט קאַלך און אלע זענען דערשטיקט געוואָרן, לויט א צווייטער — איז דער רבי געוואָרן אומגעבראַכט אין דער גאַז־קאַמער פון בעלזשעץ. (יצחק אלפסי — החסידות, ז. 36—40).

ר' יצחק מאיר העשעל, דער ערשטער קאָפּיטשיניצער רבי, איז געווען אַן איידעם פון ערשטן הוסיאַטינער רבין, ר' מרדכי שרגא פרידמאַן. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914 איז ער אויך אוועק קיין ווין, וווּ ער איז נפטר געוואָרן אין 1931.

אויך זיין זון, דער לעצטער קאָפּיטשיניצער רבי, ר' אברהם יהושע העשעל, גערופן ר' אברהמ'ניו, איז א געבוירענער פון הוס־אטין. אַרעסטירט אין ווין אין 1938 דורך די נאַציס, און א דאַנק גרויסע השתדלותן באַפרייט, האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק, וווּ ער איז נפטר געוואָרן אין 1967 און בעקומען צו קבורה אין טבריה נעבן דעם קבר פון זיין גרויסן פעטער, דעם רבין ר' ישראל פרידמאַן פון הוסיאַטין. (מנשה אונגער,

ארטיקל אין „סאָג־מאָרגן־זשורנאל", ניו־יאָרק, 19־טער נאָוועמ־בער 1967).

32) די געגויע צאָל איז נישט באַקאַנט, נאָר לויט א רשימה פון די קדושים, צונויפגעשטעלט פונעם זכרון דורך א גרופע לעבנגעבליבענע הוסיאַטינער, קען מען זיך משער זיין, אז זי האָט פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה באַטראָפן ביי א 500 יידן. צו דער הנחה קען מען אויך קומען, נעמענדיק אין אכט פאָלגנדיקע ארגומענטן: א) אין יאָר 1921, ווי שוין פריער אָנגעוויזן, האָט די יידישע באַפעלקערונג באַטראָפן 368 נפשות, ב) פון יאָר 1923 האָט זיך דער גרענעץ־שמוגל — א גאָר באַדייטנדיקער פרנסה־קוואל — גענצלעך אָפּגעשטעלט. ג) די הערשנדיקע רעכטלעכע באַגרענעצונגען פון באַוועגונג און באַוויינונג אין דער געגנט, דעקלאַרירטער ווי א גרענעץ־זאָנע, האָט גיכער פּאַוואָריזירט אן עמיגראַציע ווי אן אימיגראַציע פון נייע יידישע איינוווינער. דאָס אלץ האָט געווירקט, אז די דעמאָגראַפישע אנטוויקלונג זאָל זיין קלענער ווי אין אנדערע ערטער.

33) „סאָקאָל" — א פוילישע פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט.

34) ק.אָ.פּ. — קאָרפּוס אָכראָני פּאָגראַניטשא, די גרענעץ־וואַך.

34*) קריסטאַל־נאַכט — נאַצישע פּאָגראָמען אויף יידן אין דייטשלאַנד, דעם 9־טן און 10־טן נאָוועמבער 1938, בעת וועלכע ס'זענען אויסגעהאַקט געוואָרן א סך שויבן אין יידישע הייזער און געשעפטן.

זבאָנשין — א גרענעץ־סטאַציע אין דער געגנט פון פּאָזנאַן, צווישן דייטשלאַנד און פוילן. דאָרט אהין, אויף דעם שטח פון „קיינעמס לאַנד", זענען א־7000 יידן, פוילישע בירגער ארויסגע־טריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד, א קורצע צייט פאַר דער „קריסטאַל־נאַכט".

35) ס.ס.ס.ר. מיינט: סאָיוז סאָוויעטסקיך סאָציאַליסטיטשעס־קיך רעספּובליק, ראַטן־פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

36) צו דעם לערער־פּערסאָנאַל האָט שפּעטער אויך געהערט ד"ר יוסף קערמיש, אן אָפּשטאַמיקער פון הוסיאַטינער געגנט,

הײנט היסטאָריקער און פאָרשער אין „יד ושם".

37) נאָמען פון א יידישער צייטונג.

38) נ.ק.וו.ד. — רוסיש: נאראָדני קאָמיסאריאט וונוטרעננעך דיעל (אינערן־מיניסטעריום), שפּעטער געביטן דעם נאָמען אויף נ.ק.ג.ב. — נאראָדני קאָמיסאריאט גאסודארסטווענוי בעזאָפּאסנאָס־טי (מיניסטעריום פאר זיכערקייט פון דער מדינה), הײנט — ק.ג.ב.

39) קאָלכאָז — קאָלעקטיווגע כאָזיייסטווא, קאָלעקטיווע ווירטשאפט.

40) וו.ק.פּ. (ב.) — וסעסאָיוזנאיא קאָמוניסטיטשעסקאיא פּארטיא (באָלשעוויקאָוו) — אלפארבאנדישע קאָמ. פּארטיי.

41) „ספר הורוסטקוב", ווי פריער, ז. 367 און 370.

42) גבית־עדות פון 1־טן מערץ 1959, נר. י־728/19, „יד ושם", ת"א. אָבער לויט מיינע נאָטיצן האבן די הריגות געדויערט ביז דאָנערשטיק.

43) צווישן די קרבנות איז אויך געווען דער אדוואָקאט יעקב מאָנדשיין פון טלוסטע, וועלכער האָט געארבעט צוזאמען מיטן שרייבער פון די שורות אין דער „יורידישער קאָנסולטאציע" (סאָוו. אדוואָקאטן־ביורא) אין הוסיאטין.

44) ד"ר ישפה — ווי פריער.

45) Słownik geograficzny Królestwa Polskiego, T. IV, str. 377.

46) M. Bałaban — Dzieje Żydów w Galicji, str. 393.

47) ר' יוסף לוביאניקער — עולה געווען קיין ארץ־ישראל צוזאמען מיט זיין טאָכטער חוה און זון זעליג אין 1924, א״ז דער פאָטער פון דער בארימטער משפחה לוביאניקער (לבון) אין ישראל, צו וועלכער עס געהערן צ.א.: א) צבי, וואָס איז געקומען אין לאנד אריין נאָך אין יאָר 1918 פון אמעריקע מיט דער יידישער בריגאדע, געווען פון די גרינדער פון דער „הסתדרות־העובדים" און איניציאטאָרן פון דער אקציע פאר פאָלקס־וווינונגען און מיטגליד פון תל־אביבער שטאָט־ראט; ב) זעליג — פון די גרינדער פון דער „צעירי־ציון" (התאחדות) — פּארטיי א׳ן קאָפּיטשינעץ און אין דער געגנט, שפּעטער אין

לאנד געהערט צו די אקטיוויסטן אין „הסתדרות", אין דער ארבייטער־פארטיי, אין „שיכון־עובדים" א"א ; ג) פנחס — געוו. גענעראל־סעקרעטאַר פון דער „הסתדרות" און זיכערקייטס־מיניסטער פון ישראל.

זליג לבון — „קורות־גג", ז. 20.

48) ד"ר גרשון לעווין — „אין וועלט־קריג", ווי פריער, ז. 77 און ווייטערע.

די טאָכטער פון דעם ד"ר ראָזענבוים, מיליטקא גלאזנער, א גראַטעוועטע פון דער שואה, לעבט היינט אין ישראל.

49) זליק לבון — ווי פריער, ז. 23.

50) „ספר חורוסטקוב", ווי פריער, ז. 89—90.

51) זליג לבון — ווי פריער, ז. 24.

52) די ערשטע צאָל, לויטן ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע, נר. 61, 1967. די צווייטע — לפי דער עדותשאפט פון שמואל פלאצמאן, ארכיוו פון „יד ושם", נר. 1260/100.

53) אן אָפּהילך פון דעם קען מען געפינען אין טאָג־בוך פון דעם יידיש־אונגארישן מידעלע, עווא היימאן.

54) מיכאל ווייכערט — „יידישע אליינהילף 1939—1945", ז. 50—53.

54*) סטאלינגראד — ארום דער גרויסער רוסישער אינדוס־טריע־שטאָט און אין איר האָבן זיך געפירט העפטיקע קאמפן פון מ־טן נאָוועמבער 1942 ביזן אנפאנג פעברואר 1943, וואָס האָבן זיך פארענדיקט מיט א דעצידירנדיקער מפלה פון די דייטשן.

55) חמדה שווארץ, א טאָכטער פון אן אָרעמער אלמנה אין קאָפּיטשינעץ, האָט מיינסטנס געלעבט אין לעמבערג, ווו זי האָט זיך אויסגעהאלטן פון געבן לעקציעס. זי איז געווען פארהייראט מיט מגר. שראגער, אבסאָלווענט פון יורידישן פאַ־קולטעט און לעצטער פאָרזיצער פון ז.א.ס.ס. (זוויאָנזעק אקאַ־דעמיצקי סיאָניסטאָוו סאָציאַליסטאָוו), אקאדעמישער פאַבאַנד פון ציוני. סאָצ. ביי דער פארטיי „אחוד" (התאחדות־פוע"צ) אין לעמ־בערג. פאר זיינע „זינד" אלס אקטיווער ציוניסטישער טוער איז ער דורך די סאָוויעטן פארשיקט געוואָרן אויף סיביר. חמדה איז

א היים געקומען קיין קאַפּיטשינעץ און דאָ געפונען איר טראגישן סוף.

56) אן אינטעליגענט מיידל, פון אן אַנגעזעענער משפחה אין קאפּיטשינעץ.

57) עדות־דערקלערונג פון שמואל פלאצמאן, ווי אויבן.

58) „ספר הורוסטקוב", ז. 370.

59) „ספר צ'ורטקוב", ז. 322.

60) בוטשאטש — די געבורט־שטאָט פון בארימטן ישראלדיקן שרייבער, דעם נאָבעל־פּרייז־טרעגער, ש"י עגנון.

61) לויט דעם בוך „שנה לאין קץ" פון משה זאנדבערג, האָבן די ייִדן פון דעם אונגארישן ארבעטס־באטאליאָן געטראָגן ציווילע קליידער און זייער מצב איז געווען א זייער שלעכטער, ממש ווי אין א נאצישן קאָנצ.־לאגער. דעריבער שאפט זיך ביי מיר א השערה, אז די אָפּטיילונגען, סטאציאָנירטע אין קאָפּי־טשינצע, האָבן אפשר געהערט צו אן אנדערער קאטעגאָריע.

ביבליאָגראפיע

די ליסטע איז אָנגעגעבן אין העברעישן טייל פון דעם בוך.

תיקוני טעויות

עמ'	שורה	צריך להיות :
67	6	משק
76	22	לצעירה
125	10	"Żydzi lwowscy na przełomie XVI i XVII wieku", str. 506/7.
125	20	"Żydzi w Przemyślu".
143	18	ריכטער,
218	12	„יודענעלטעסטער"
271	19	פליסטערנדיק
278	21	"Żydzi w Przemyślu".
283	21	פאַגראַמען

ABRAHAM BACKER

TWO COMMUNITIES

(HUSIATYN and KOPYCZYNCE)

Printed in Israel, 1977